ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# משפטים

אידיש

**818**


הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק לה-לו

## משפטים

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

טעמים פאַרוואָס עס איז איינגעפירט אין די מערסטע תפוצות צו פאַסטן אין דעם טאָג פון אַ יאָרצייט. - ווען דער זוהן איז מחדש אמת'ע חידושים, איז ער גורם אַ פאַרגעניגן פאַר זיינע עלטערנ'ס נשמות אין גן עדן. - אַ מעשה פון רבי שמעון בן יוחאי וואָס ווערט דערציילט אין זוהר, וועגן לימוד התורה און מצוות וואָס מען איז מקיים לשמה. - נאָך אַ מעשה פון רבי חייא. - מ'זאָל נישט געבן שלום צו אַ רשע, און אַ מעשה פון זוהר.

בני חיי ומזוני זענען אָפּהענגיג אין דעם מזל פונעם מענטש. - די גוטע מדה פון זיין אַ שמח בחלקו, און נישט מהרהר צו זיין נאָך דעם אויבערשטן ח"ו. - דער אויבערשטער באַצאָלט אַמאָל אויף דער וועלט מיט צער פרנסה ח"ו כדי מען זאָל האָבן עולם הבא. - מיט מקיים זיין אַ מצוה ווערט דער מענטש ניצול פון אַ שלעכטע גזירה ח"ו וואָס איז אויף אים נגזר געוואָרן.

בס"ד

# אוצר של יראת שמים

**ב. כי אם את ה' אלוקיכם תיראו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).**

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור ליראה את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות – וזה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**דעו אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:) יא).**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקינו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקיך תירה אותו תעבוד ובו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי', ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים, בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית. וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**

# אינהאלט
## פון פרקים לה-לו


**א.** אין פרק ל״ה ווערט ערקלערט טעמים פאַר דער נחיצות פון פאַסטן אין דעם טאָג פון אַ יאָרצייט נאָך עלטערן. - די וויכטיקייט פון מחדש זיין אמת׳דיקע חידושי תורה, וואָס דערמיט מאַכט מען אַ נחת רוח פאַר די עלטערן אין גן עדן, ווי אויך פאַר די שווער און שוויגער. - די מעלה פון תורה לשמה. - דער תועלת פון מאַכן אַ חשבון הנפש. - נישט צו באַגריסן אַ רשע, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. .......... ז

**ב.** די טובה פאַר די עלטערנ׳ס נשמה ווען זייער זוהן איז מחדש אמת׳דיגע חידושי תורה .......... ז

**ג.** די מעלה פון תורה און מצוות וואָס מען טוט לשמה .......... י

**ד.** יעדן טאָג דאַרף מען זיך באַטראַכטן איבער די עבירות .......... יא

**ה.** נישט צו געבן שלום פאַר אַ מענטש נאָר אויב מען איז זיכער אַז ער איז אַ צדיק .......... יב

**ו.** אין פרק ל״ו ווערט דערקלערט: אז פרנסה ווענדעט זיך אין מזל און נישט אין זכות פון מענטש. .......... טו

ז. פאַרוואָס האָט אונזער האַר געוויינט און געלאַכט, און פונקען פייער זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטערן? ........ טו

ח. רבונו של עולם, אפשר טאַקע זאָלסטו יאָ אַזוי טוהן. ........ טו

ט. כ׳וויל נישט שטאַרבן און נאָך אַמאָל געבוירן ווערן, ווייל איך האָב שוין דאָס רוב יאָרן דורכגעלעבט. ........ טז

י. רבי אלעזר בן פדת שכר אין גן עדן איז געווען 13 טייכן פון באַלזאַם אויל ........ טז

יא. "בני חיי ומזוני" ווענדט זיך נישט אין זכות, נאָר אין מזל ווען דער מענטש איז געבוירן געוואָרן ........ טז

יב. נישט איילן די שעה, נאָר האָבן בטחון אין אויבערשטן אַז ער באַצאָלט דעם פולן שכר ........ יז

יג. ער פאַרקירצט נישט דעם שכר פון קיין באַשעפעניש ........ יז

יד. דער מענטש וואָס האָט נישט פרנסה בריווח אויף דער וועלט, אין עולם הבא איז זיין שכר געדאָפּלט ........ יח

טו. אָרימקייט איז מכפר אויף די עבירות ........ יח

טז. הלוואי וואָלטן מיר געווען אָרים אויף דער וועלט און געליטן יסורים ווייל דאַן וואָלטן אונזערע עבירות פאַרגעבן געוואָרן ........ יח

**יז.** אַ מענטש דאַרף שטענדיג זאָגן "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" ........ יט

**יח.** אויב דער אויבערשטער גיט עשירות, זאָל מען טיילן צדקה מיט אַ ברייטע האַנט ........ יט

**יט.** רבי חייא און רבי יוסי האבן געזעהן ווי אַ מענטש איז ניצול געוואָרן אין זכות פון אַ מצוה ........ יט

**כ.** איך וועל זיכער נישט בעטן פון דיר עסן, נאָר איך וועל גיין אָן שפּייז ........ כ

**כא.** האָט ער דאָס שטיקל ברויט אויך געגעבן צו דעם אָרימאַן אויפין וועג ........ כ

**כב.** האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים צוגעשיקט די מצוה כדי אים מציל צו זיין פון דער גזירה ........ כ

**כג.** אין דעם זכות וואָס ער האָט געשפּייזט דעם אָרימאַן וועט ער ניצול ווערן ........ כא

**כד.** דער אויבערשטער וועט זיכער מיט אים טוהן אַ נס ........ כא

**כה.** דער נס פון דעם מענטש וואָס האט געגעבן צו עסן פאַר אַ הונגעריגן ........ כא

**כו.** נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן, האָבן זיי אים דערציילט וועגן דעם נס וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט מיט אים געטוהן ........ כב

**כז.** עס איז פאַראַן אַ בוים וואָס אויב מען עסט פון אים - שטאַרבט מען ........ כב

**כח.** כדי מיר אַלע זאָלן זוכה זיין צו חיי עולם הבא ........ כג

**כט.** מיר טוען דאָ ציטירען אַ שוידערליכע פאַסירונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די צייטען פון הייליגען גאון ר' עקיבא אייגער זי"ע און זיין הייליגען פסק דין וואָס איז שטאַרק באַלערענד און נוצלעך אויף אַלע עניני כשרות און דאָס גלייכען און עס איז וויכטיג פון גרויס ביז קליין דאָס דורך צו קוקען און צו דערציילען און ערקלערען פאַר די קליינע קינדער. ........ כד

**ל.** דער קבלת פנים ........ כד

**לא.** וואָס האָט פאַסירט? ........ כד

**לב.** די בקשה פון עטל די גבאייטע ........ כח

**לג.** אין שטוב פון שוחט ........ לב

**לד.** דער בריוו פון בעל התניא ........ לז

**לה.** הוי גולה למקום תורה - גיי אין גלות אין אַן אָרט פון תורה ........ מ

**לו.** אַן איידלשטיין אין עיר הקודש ........ מז

❖ ❖ ❖

# פרק ל״ה

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט טעמים פאַר דער נחיצות פון פאַסטן אין דעם טאָג פון אַ יאָרצייט נאָך עלטערן. - די וויכטיקייט פון מחדש זיין אמת׳דיקע חידושי תורה, וואָס דערמיט מאַכט מען אַ נחת רוח פאַר די עלטערן אין גן עדן, ווי אויך פאַר די שווער און שוויגער. - די מעלה פון תורה לשמה. - דער תועלת פון מאַכן אַ חשבון הנפש. - נישט צו באַגריסן אַ רשע, און אַ מעשה דערויף פון זוהר.**

**א. כבר נתפשט,** עס איז שוין לאַנג פאַרשפרייט געוואָרן דער מנהג אין די מערסטע תפוצות פון אידן צו פאַסטן יעדעס יאָר אין דעם טאָג וואָס זיין פאָטער אָדער זיין מוטער זענען געשטאָרבן ווי מען רופט עס ״יאָרצייט״, און די טעמים דערויף זענען באַקאַנט, זעה אין ספר ״נשמת חיים״ ווייל אין יענעם טאָג איז דער מזל פון דעם מענטש נישט גוט.

**ב. אי נמי,** נאָך אַ טעם פאַרוואָס מען זאָל דאַן פאַסטן, ווייל אין דעם טאָג משפט מען נאָך אַמאָל דעם נפטר זיין פאָטער אָדער זיין מוטער, און דאָס זאָגן קדיש און פאַסטן העלפט אַביסל פאַר זיי געראַטעוועט צו ווערן פון דעם דין, אָבער עס איז נישט גענוג בלויז מיט דעם, נאָר דער מענטש דאַרף זעהן צו געפינען עפּעס אַ גוטע זאַך צו טוהן אין דעם דאָזיקן טאָג פון יאָרצייט.

### די טובה פאַר די עלטערנ׳ס נשמה ווען זייער זוהן איז מחדש אמת׳דיגע חידושי תורה

**ג. אם הוא,** אויב ער איז אַ תלמיד חכם, זאָל ער זעהן מחדש צו זיין עפּעס אַ חידוש אין דער תורה, ווייל דאַן איז עס אַ גרויסע טובה פאַר זיין פאָטער און פאַר זיין מוטער, און אויך אין די אַנדערע טעג פון יאָר ווען דער זוהן איז מחדש אַ חידוש אין דער תורה

לשמה דערפרייט ער זיין פאָטער און זיין מוטער און מען באַקרוינט זיין פאָטער און מוטער מיט פיל קרוינען.

**ד. ומי שזוכה,** און דער מענטש וואָס איז זוכה צו געבן זיין טאָכטער צו אַ תלמיד חכם, ווען זיין איידעם איז מחדש אַן אמת׳דיקן חידוש אין דער תורה, באַקרוינט מען אויך דעם שווער און די שוויגער מיט אַסאַך קרוינען, אַזוי ווי מיר געפינען אין זוהר פרשת נשא (דף קמ״ד עמוד א׳) ביי רבי שמעון בן יוחאי, וואָס ער האָט אויסדערוועהלט אַ הייליקן אָרט וואו צו לערנען מיט זיינע תלמידים און צו לערנען דאָרט חידושים און סודות פון דער תורה (דאָס פלאַץ האָט געהייסן ״אידרא״).

**ה. היו שומעין,** האָבן זיי געהערט אַ בת קול, וואָס האָט אויסגערופן: ״וואויל איז דיר, רבי שמעון בן יוחאי, מיט דיי׳נע תלמידים, וואָס עס ווערן פאַר אייך אַנטפּלעקט סודות וואָס מען האָט נישט אַנטפּלעקט פאַר קיין שום מלאכים פון הימל, און די דאָזיקע חידושים זענען נישט אַנטפּלעקט געוואָרן פון דער צייט זינט משה רבינו ע״ה איז געשטאַנען אויף דעם באַרג סיני, און פילע כתות פון מלאכים פאַרזאַמלען זיך דאָרט צו הערן די סודות התורה, און דער דאָזיקער טאָג ווערט אָנגערופן אויבן אין הימל, ״הילולא דרבי שמעון בן יוחאי״, די שמחה פון רבי שמעון בן יוחאי.

**ו. אמר,** האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, איך וואונדער מיך פאַרוואָס דער מיט די געגאַרטלטע לענדן (אליהו הנביא, וואָס עס שטייט ביי אים אין פסוק (מלכים א יח, מו) ״וַיְשַׁנֵּס מָתְנָיו״), געפינט זיך נישט אין אונזער אידרא, אין דער צייט ווען עס אַנטפּלעקן זיך צו אונז אַזעלכע הייליקע רייד.

**אינצווישן** איז אליהו אָנגעקומען, און פונקען פון ליכטיקייט זענען געווען אויף זיין פנים. האָט רבי שמעון געזאָגט צו אים: פאַרוואָס האָט זיך מיין האַר נישט געפונען דאָ ווען מיר האָבן

אָפּגעריכט אַזעלכע מטעמים (דורך די חידושי תורה) אין דעם טאָג פון דער שמחה?

**ז. אמר ליה,** האָט אליהו צו אים געזאָגט, דאָ שווער איך ביי דיין לעבן, אַז איך האָב מיך געוואָלט געפינען מיט אייך, אָבער איך האָב נישט געקענט, ווייל אין דעם טאָג האָט דער אויבערשטער ברוך הוא מיך געשיקט צו טוהן ניסים מיט רב המנונא סבא און זיינע חברים, וואָס זיי זענען געווען איינגעשפּאַרט אין תפיסה. האָב איך אויסגעריסן און איבערגעקערט די פּאַלאַצן, און עס איז געשען אַ נס אַז עס זענען געשטאָרבן צוויי הונדערט פינף און פערציק שרים וואָס האָבן מקטרג געווען אויף רב המנונא סבא, און איך האָב אַרויסגענומען רב המנונא מיט זיינע חברים פון דער תפיסה, און זיי געשטעלט ווייטער פון דעם טאָל אונו, און אַזוי זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן, און איך האָב פאַר זיי דאָרט אָנגעגרייט צו עסן ברויט און טרינקען וואַסער, ווייל זיי האָבן דריי טעג נישט געגעסן און נישט געטרונקען, און אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך נישט געשיידט פון זיי.

**ח. כד תבנא,** ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט (אַרויף אין הימל אַריין), האָב איך געהערט קולות און אַ גרויסע פרייד אויבן אין הימל. האָב איך געפרעגט, וואָס איז די גרויסע שמחה? האָט מען מיר געענטפערט, היינט איז דער טאָג פון דער הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, וואויל איז דיר, רבי שמעון בן יוחאי, און וואויל איז דיין חלק און דער חלק פון דער חבריא וואָס זיי זיצן פאַר דיר. פילע ווענן האָט מען צוגעגרייט צו באַלייכטן פאַר אייך פון דעם ריינעם אפרסמון אויל, און איך האָב געזען אין היינטיקן טאָג ווי מען האָט אין דיין זכות באַקרוינט דיין שווער, רבי פנחס בן יאיר, מיט פופציק קרוינען.

## די מעלה פון תורה און מצוות וואָס מען טוט לשמה

**ט. הרי מבואר,** זעט מען פון דעם די מעלה פון דעם מענטש וואָס לערנט תורה לשמה, און אויך פון אַלע מעשים טובים וואָס אַ מענטש מאַכט דערמיט אַ געשמאַקן פאַרגעניגן פאַר דעם אויבערשטן, אויב ער טוט עס לשמה, און דאָס זעלבע ח"ו פאַרקערט, ווען ער לערנט תורה אָדער ער טוט מצוות שלא לשמה (באַקומט ער דערפאַר אַ גרויסע שטראָף).

**י. וכן מצינו,** און אַזוי געפינען מיר אויך אין זוהר (חלק א', דף ק"צ עמוד א') ווען רבי חייא איז אַרויפגעגאַנגען קיין ארץ ישראל, האָט ער געלערנט תורה ביז זיין פּנים האָט געלויכטן ווי די זון, און ווען עס זענען געשטאַנען פאַר אים די אַלע מענטשן וואָס האָבן געלערנט תורה, האָט ער געזאָגט, דער מענטש האָט געלערנט לשמה און דער מענטש האָט געלערנט שלא לשמה, און האָט מתפלל געווען פאַר דעם וואָס האָט געלערנט שלא לשמה, אַז ער זאָל לערנען לשמה, און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו עולם הבא.

**איין** טאָג איז געווען אַ תלמיד וואָס האָט געלערנט תורה און זיין פּנים איז געווען גרין, האָט רבי חייא געזאָגט, דער תלמיד טראַכט אַוודאי פון עבירות, האָט דער תלמיד פאַר אים מודה געווען. פון דעם טאָג און ווייטער האָט דער תלמיד אויף זיך גענומען מער נישט נאָכצוגיין נאָך די שלעכטע מחשבות, נאָר צו לערנען תורה לשמה.

**יא. הכלל,** דער כלל איז, אין די אַלע זאַכן וואָס ווען דיר קומען צו דער האַנט זאָלסטו דערין גוט אַריינטראַכטן אויב עס איז דערפון דאָ אַ פאַרגעניגן פאַר דעם אויבערשטן אין הימל, דאַן זאָלסטו זי טוהן, און אויב עס איז פאַראַן אין דעם אַ ספק עבירה חס ושלום, וועט דאָס אַוודאי נישט אַרויפגיין באַוויליקט צו ווערן פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא.

## יעדן טאָג דאַרף מען זיך באַטראַכטן איבער די עבירות

**יב. וזה לשון,** און פאָלגענד איז דאָס לשון פון זוהר דאָרטן (דף קצ״א עמוד א׳): אַ מענטש דאַרף זיך באַטראַכטן יעדן טאָג איבער די עבירות וואָס ער האָט געטוהן, ווייל ווען דער מענטש שטייט אויף פון זיין בעט, שטייען פאַר אים צוויי מלאכים וואָס זיי זאָגן עדות אויף אַלעם וואָס ער טוט.

**יג. באו,** ווען ער וויל אויפשטיין, זאָגן זיי עדות צו אים, בשעת דו עפנסט דיינע אויגן זאָלן זיי קוקן אויף די וואָס שטייען אַנטקעגן דיר, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ד, כה) ״עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ״ וגו׳, דיינע אויגן וועלן קוקן אַנטקעגן דיר. ווען ער שטייט אויף און שטעלט זיינע פיס צו גיין, זאָגן די עדות צו אים דעם פסוק (שם שם, כו) ״פַּלֵּס מַעְגַּל רַגְלֶיךָ״ וגו׳, וועג איבער די טריט פון דיינע פיס.

**דעריבער,** יעדן טאָג ווען דער מענטש גייט, דאַרף ער זיך היטן פון צו טוהן עבירות. ווען עס קומט אָן די נאַכט, דאַרף ער קוקן און נאָכקלערן אַלעס וואָס ער האָט געטוהן אין דעם טאָג, כדי ער זאָל דערויף תשובה טוהן. (דאָס מיינט מען, אויב ער זעט אַז ער האָט געטוהן אין דעם טאָג אַן עבירה, זאָל ער אויף איר תשובה טוהן אַז ער זאָל עס מער נישט טוהן אַ צווייטן מאָל), און ער זאָל שטענדיק באַקוקן זיינע מעשים, כדי ער זאָל אויף זיי תשובה טוהן.

**יד. מה שאין כן,** אָבער טאָמער דער מענטש קוקט נישט נאָך זיינע מעשים צי זיי זענען רעכטפאַרטיג אָדער נישט, נאָר ער גייט און פאַרמערט זיינע וועגן אָן אַ חשבון צי זיי זענען שלעכט אָדער גוט, איז ער אין כלל פון די מענטשן וואָס גייען אין דער פינסטערניש און זעען נישט קיין ליכטיגקייט, און ער ווערט נישט געדענקט אין הימל צום גוטן, און קיינער רעדט נישט אויף אים קיין גוטס פאַר דעם בית דין של מעלה.

## נישט צו געבן שלום פאַר אַ מענטש נאָר אויב מען איז זיכער אַז ער איז אַ צדיק

**טו. ובימי,** און די ערשטע חסידים פלעגן מדקדק זיין נישט צו געבן שלום פאַר אַ מענטש ביז זיי האָבן פריער געוואוסט זיכער אַז ער איז אַ צדיק, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר סוף פרשת מקץ (דף ר״ד עמוד ב׳) רבי חייא און רבי יוסי זענען געגאַנגען אין וועג, האָבן זיי געזעהן אַ מענטש וואָס איז געקומען איינגעהילט אין אַ טלית מיט ציצית, און ער האָט געהאַט אַ שווערד אונטער זיין מאַנטל (זיי האָבן אים געגעבן שלום, אָבער ער האָט זיי נישט געענטפערט).

**האָט** רבי חייא געזאָגט, דער מענטש איז איינער פון די צוויי, אָדער ער איז אַ גרויסער צדיק, אָדער ער נאַרט אָפּ די מענטשן, כדי זיי זאָלן מיינען אַז ער איז פרום.

**טז. אמר** האָט רבי יוסי געזאָגט, די גרויסע חסידים האָבן דאָך געזאָגט אַז מען דאַרף דן זיין יעדן מענטש צום גוטן, מיר האָבן דאָך געלערנט, אַז ווען אַ מענטש גייט אַרויס אין וועג זאָל ער זיך צוגרייטן צו דריי זאַכן, צו אַ מתנה, און צו מלחמה, און צו תפילה טוהן, און דאָס לערנען מיר פון יעקב אבינו, און דער דאָזיקער מאַן איז געגאַנגען אין וועג און האָט זיך איינגעהילט מיט אַ טלית צום דאַווענען און ער האָט געהאַט ביי זיך אַ וואָפן פאַר מלחמה, וויבאַלד די צוויי זאַכן זענען דאָ ביי אים אָבער די דריטע זאַך איז נישט פאַראַן ביי אים, ווייל ער האָט זיך נישט אָנגעגרייט צו אַ מתנה, וואָס אין די מתנה איז אַריינגערעכנט שלום, און ער האָט אונז דאָך נישט געענטפערט קיין שלום, האָט רבי יוסי געזאָגט, אפשר האַלט ער אינמיטן דאַווענען אָדער ער חזר׳ט זיין לערנען כדי ער זאָל עס נישט פאַרגעסן. זענען זיי געגאַנגען אינאיינעם מיט דעם מענטשן, און ער האָט מיט זיי נישט גערעדט.

**יז. לבתר,** דערנאָך האָבן רבי חייא און רבי יוסי זיך אַוועקגעזעצט

אָפּרוהען און האָבן געלערנט תורה. איז דער מענטש געקומען צו זיין און האָט זיי געגעבן שלום און האָט צו זיי געזאָגט, מיינע רביים, בשעת אַז איר האָט מיר געגעבן שלום און איך האָב אייך נישט געענטפערט, וואָס האָט איר מיך חושד געווען? האָבן זיי אים געענטפערט, מיר האָבן געטראַכט אפשר דאַוונסטו אָדער דו חזר׳סט איבער דיין לערנען.

**יח. אמר להו,** האָט דער מענטש געזאָגט צו זיי, איר האָט מיך דן געווען לכף זכות, זאָל דער אויבערשטער אייך אויך דן זיין צום גוטן, אָבער איך וועל אייך זאָגן, איין טאָג בין איך געגאַנגען אויף דעם וועג האָב איך געטראָפן אַ מענטש און איך האָב זיך געפעדערט אים צו באַגריסן צו פרידן, און דער דאָזיגער מענטש איז געווען אַ רויבער און ער האָט מיך מצער געווען, און ווען נישט וואָס איך האָב זיך געשטאַרקט איבער אים וואָלט ער מיר אָנגעטוהן פיל צער, און פון דאַן אָן האָב איך אַ נדר געטוהן אַז איך זאָל נישט פעדערן קיין שלום צו קיין שום מענטשן ביז איך וועל אים פריער נאָכקוקן צי ער איז אַן ערלעכער מאַן.

**יט. בגין,** ווייל עס איז פאַרבאָטן צו פעדערן שלום צו אַ רשע, ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה מח, כב) ״אֵין שָׁלוֹם אָמַר ה׳ לָרְשָׁעִים״, עס איז נישט פאַראַן קיין פרידן צו די רשעים, און בשעת מען איך האָב אייך געזעהן און איר האָט מיך באַגריסט מיט פרידן און איך האָב אייך נישט געענטפערט, האָב איך חושד געווען ווייל איך האָב נישט געזעהן ביי אייך אַ מצוה וואָס דער מענטש דאַרף טוהן, דאָס איז איין טעם.

**כ. ועוד טעם,** און נאָך אַ טעם, ווייל איך האָב געלערנט אין דער צייט ווען איר האָט מיר געגעבן שלום און איך האָב נישט געוואָלט מפסיק זיין פון מיין לערנען אין יענע צייט. זעט מען דאָך דערפון אַז מען טאָר נישט באַגריסן און געבן שלום צו עמיצן וואס איז נישט קיין ערלעכער איד, און אַוודאי געוויס אַז מען פירט זיך אַזוי

אין הימל, נישט צו געבן שלום פאַר אַ רשע, ווייל דאָרט חנפ׳עט מען נישט די רשעים אַזוי ווי אויף דער וועלט, ווייל דאָרט איז די אמת׳דיקע וועלט, און דעריבער איז דאָרט נישט פאַראַן קיין חנופה און מען איז קיינעם נישט נושא פנים. אלעס ווערט דאָרט גע׳משפט מיט די ריכטיגע מאָס און וואָג.

**כא. והא,** און דאָס וואָס מען פעדערט זיך צו געבן שלום פאַר יעדן מענטש, שטייט אַ טעם אויף דעם אין זוהר (חלק ב׳, דף כ״ג עמוד ב׳) ווייל אויב אַ מענטש זעט אַז דער רשע קען זיך אויף אים שטאַרקן (און אים שלעכטס טוהן ח״ו) מעג ער פריער געבן שלום פאַר דעם רשע, כדי ער זאָל קענען געראַטעוועט ווערן פון אים.

**כב. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש זיך אַריינטראַכטן אין דעם וואָס ער איז פול און זאַט מיט רוגז און אויסגעשניצט פון ליים, אַז ער זאָל זיך נישט גרויס האַלטן און זאָל נישט גלוסטן נאָך געלט, נאָר זיינע ווערטער זאָלן זיין מיט רואיגקייט, און אַלע זיינע מעשים זאָל זיין מיט קלוגשאַפט און מיט וואָגיקייט צו באַרעכענען זיך יעדן טאָג אויב ער האָט געטוהן עבירות, און דאַן וועט ער אַליין פאַרשטיין נישט צו זינדיקן און ער וועט מצליח זיין אין אַלע זיינע מעשים אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק ל"ו

## אין דעם פרק ווערט ערקלערט: אז פרנסה ווענדעט זיך אין מזל און נישט אין זכות פון מענטש.

**א. איתא בגמרא,** עס שטייט אין דער גמרא מסכת תענית (דף כ"ה עמוד א') רבי אלעזר בן פדת איז געווען זייער אָרים. אַמאָל האָט ער זיך געלאָזט בלוט פון אַן אָדער און האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן נאָכן לאָזן דאָס בלוט פון דעם אָדער. האָט ער געפונען אַ בינטל קנאָבל, עס גגעעסן. דערנאָך איז ער שלאַף געוואָרן און האָט איינגעדרימלט.

## פאַרוואָס האָט אונזער האַר געוויינט און געלאַכט, און פונקען פייער זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטערן?

**ב. עיילו רבנן,** זענען די רבנן געגאַנגען אים מבקר חולה זיין. ווען ער איז געשלאָפן האָבן זיי געזען ווי ער וויינט און לאַכט, און פונקען פייער קומען אַרויס פון זיין שטערן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפט פון שלאָף, האָבן די רבנן אים געפרעגט, פאַרוואָס האָט אונזער האַר געוויינט און געלאַכט, און פונקען פייער זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטערן?

## רבונו של עולם, אפשר טאַקע זאָלסטו יאָ אַזוי טוהן.

**ג. אמר להו,** האָט ער זיי געענטפערט, איך האָב געזען די שכינה, און זי האָט מיר געזאָגט, פרידן איז צו דיר. האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען און האָב געזאָגט, רבונו של עולם, ביז ווילאַנג וועל איך נאָך ליידן דעם ביטערן צער פון דלות? האָט זי צו מיר געזאָגט, מיין זוהן אלעזר, איז דיר ניחא איך זאָל חרוב מאַכן די וועלט? דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דו זאָלסט שטאַרבן (ווייל דער מענטש ווערט אָנגערופן אַ קליינע וועלט), וועל איך דיך אפשר באַשאַפן אין אַ

בעסערן מזל. האָב איך געענטפערט, רבונו של עולם, אפשר טאַקע זאָלסטו יאָ אַזוי טוהן.

## כ׳וויל נישט שטאַרבן און נאָך אַמאָל געבוירן ווערן, ווייל איך האָב שוין דאָס רוב יאָרן דורכגעלעבט.

**ד. ואמרתי,** האָב איך געזאָגט, רבונו של עולם, וועלכע יאָרן זענען מער, די יאָרן וואָס איך האָב שוין געלעבט, אָדער די יאָרן וואָס איך האָב נאָך צו לעבן? האָט די שכינה מיר געענטפערט, די יאָרן וואָס דו האָסט שוין געלעבט, ווייל דו האָסט שוין נישט אַזוי פיל יאָרן צו לעבן וויפיל דו האָסט שוין געלעבט. האָב איך געזאָגט, אַז עס איז שוין יאָ אַזוי, כ׳וויל נישט שטאַרבן און נאָך אַמאָל געבוירן ווערן, ווייל איך האָב שוין דאָס רוב יאָרן דורכגעלעבט.

## רבי אלעזר בן פדת שכר אין גן עדן איז געווען 13 טייכן פון באַלזאַם אויל

**דערנאָך** האָט מען מיר געוויזן דרייצן טייכן מיט באַלזאַם אויל. האָב איך געפרעגט, וועמענ׳ס זענען די דאָזיקע טייכן? האָט מען מיר געענטפערט, דאָס איז דיין שכר אין עולם הבא. האָב איך געפרעגט, און מער האָב איך נישט קיין שכר? האָט מען מיך געשלאָגן מיט אַ פייערדיגע רוט, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט האָבן מער שכר, וואָס וועלן דיינע חברים האָבן? און דאָס איז די סיבה וואָס אַ פייער איז אַרויסגעגאַנגען פון מיין שטערן.

## ״בני חיי ומזוני״ ווענדט זיך נישט אין זכות, נאָר אין מזל וועלכן דער מענטש איז געבוירן געוואָרן

**ה. ופירוש הענין,** און דער זוהר אין פרשת בראשית (תיקונים תיקון ס״ט) איז מפרש דאס אַז דער מענטש זאָל האָבן קינדער, און וויפיל קינדער ער זאָל האָבן, זיין לעבן און פרנסה, דאָס אַלעס גיט דער אויבערשטער ברוך הוא נישט צוליב דעם מענטשן׳ס זכות, נאָר עס

װענדט זיך אין װאָס פּאַראַ מזל ער איז געבוירן. דער מענטש װאָס װערט געבוירן אין אַ מזל פון אָרימקייט, קען נישט איבערקערן דורך זיין זכות, נאָר זיין זכות קען גורם זיין ער װעט שטאַרבן, און דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל זיין נשמה אַריינברענגען אין אַן אַנדערן גוף, קען זיין ער זאָל האָבן פרנסה בריווח, דאָס איז אויב יענער גוף װעט באַשאַפן װערן אין אַ גוטן מזל, און דאָס איז אויך נישט קיין זיכערע זאַך.

**דאָס איז** װאָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו רבי אליעזר: װילסטו איך זאָל חרוב מאַכן די װעלט רחמנא ליצלן? װייל יעדער מענטש איז װי אן "עולם קטן", אַ קליינע װעלט, אַזוי װי עס איז באַקאַנט, און דורכדעם װאָס איך װעל חרוב מאַכן דעם גוף און אַרויסנעמען די נשמה, און איר אריינגעבן אין אַן אַנדערן גוף איז אפשר מעגליך אַז דאַן זאָלסטו יאָ זוכה זיין צו פרנסה בריווח.

## נישט איילן די שעה, נאָר האָבן בטחון אין אויבערשטן אַז ער באַצאָלט דעם פולן שכר

**ו. ולכן אמר**, און דעריבער האָט רבי אליעזר געזאָגט, אפילו אויב איך װעל שטאַרבן און איך װעל נאָך אַמאָל באַשאַפן װערן, איז עס נישט זיכער אַז איך װעל האָבן פרנסה בריווח, דעריבער װיל איך נישט שטאַרבן.

## ער פאַרקירצט נישט דעם שכר פון קיין באַשעפעניש

**פון דאַנט** לערנען מיר, אַז דער מענטש טאָר נישט שטופן די שעה, נאָר ער זאָל האָבן בטחון אין אויבערשטן ברוך הוא, אַז ער פאַרקירצט נישט דעם שכר פון קיין באַשעפעניש.

## דער מענטש וואָס האָט נישט פרנסה בריווח אויף דער וועלט, אין עולם הבא איז זיין שכר געטאָפּלט

**ז. ואם לא זכה,** אויב דער מענטש איז נישט זוכה צו האָבן אויף דער וועלט פרנסה בריווח אָן דאגות, וועט זיין שכר זיכער פילצאָליק געטאָפּלט ווערן אין עולם הבא, און יעדער מענטש דאַרף זיך פרייען מיט זיין חלק וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים צוגעטיילט, סיי פיל, סיי ווייניק, זיין האַרץ זאָל נישט זאָרגן אַז זיין פרנסה איז בצמצום, און בוודאי זאָל דער מענטש נישט נאָכטראַכטן די מדות פון אויבערשטן ברוך הוא. אויך זאָל ער נישט אַרויסווייזן כעס און רוגזה צו מענטשן, ווייל דער וואָס טוט אַזוי, בריקעט זיך חס ושלום קעגן אויבערשטן ברוך הוא.

## אָרימקייט איז מכפר אויף די עבירות

**ח. רק ישים,** נאָר ער זאָל טראכטן מיט זיין האַרץ און פאַרשטיין אַז די ענגשאַפט וואָס ער ליידט צוליב זיין אָרימקייט איז אַ כפרה אויף זיינע עבירות, ווייל עס איז אַ חסד פון אויבערשטן ברוך הוא וואסער באַצאָלט אים אויף דער וועלט די שטראָף פאַר זיינע עבירות.

## הלוואי וואָלטן מיר געווען אָרים אויף דער וועלט און געליטן יסורים ווייל דאַן וואָלטן אונזערע עבירות פאַרגעבן געוואָרן

**ט. כי הרבה,** ווייל פילע רשעים שרייען אין גיהנום, הלוואי וואָלטן מיר געווען אָרים אויף דער וועלט און געליטן יסורים ווייל דאַן וואָלטן אונזערע עבירות פאַרגעבן געוואָרן. אויך זאָגן די רשעים, דאָס פילע גוטס און דאָס געלט וואָס מיר האָבן געהאַט איז פאַר אונז שלעכט געווען, ווייל איצט זענען מיר אין אַ שלעכטע נעץ, דאָס איז דער גיהנום.

## אַ מענטש דאַרף שטענדיג זאָגן "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד"

**י. ועל כן,** און דעריבער זאָל יעדער מענטש טראַכטן אין זיין האַרץ יעדן טאָג, אַז ווי אַזוי עס גייט אים, כאָטש עס איז נישט גוט, זאָל ער זאָגן, אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז צום גוטן.

## אויב דער אויבערשטער גיט עשירות, זאָל מען טיילן צדקה מיט אַ ברייטע האַנט

**יא. ועל אחת כמה וכמה,** און אַוודאי געוויס אויב דער אויבערשטער ברוך הוא האָט איינעם געגעבן עשירות און שפע, דאַרף ער זיך אַוודאי פירן מיט גערעכטיגקייט און יושר און לויבן דעם אויבערשטן, און זיין האַנט זאָל זיין אָפן צו געבן צדקה פאר אָרימעלייט פון דעם וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים געבענטשט.

**יב. וכל מי,** און יעדער וואָס האָט די מורא פאר השי"ת אין זיין האַרץ, זאָל שטענדיק טראַכטן אַז ווען עס קומט אים אַ מצוה אין דער האַנט, איז דאָס דערפאַר ווייל עס איז אויף אים נגזר געוואָרן אַ שלעכטע גזירה חס וחלילה, און אין זכות פון דער מצוה וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים צוגעשיקט ער זאָל די טוהן, וועט ער זיכער געראַטעוועט ווערן פון דער צרה וואָס איז אויף אים נגזר געוואָרן.

## רבי חייא און רבי יוסי האבן געזעהן ווי אַ מענטש איז ניצול געוואָרן אין זכות פון אַ מצוה

**יג. וזהו כלל,** און דאָס איז אַ גרויסער כלל מזרז צו זיין דעם מענטשן מקיים צו זיין די מצוות, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת בהר, (דף ק"י עמוד ב') רבי חייא און רבי יוסי זענען געגאַנגען אין וועג, האָבן זיי געזעהן ווי צוויי מענטשן גייען ביי אַ

באַרג. צווישן האָבן זיי געזעהן ווי א מענטש איז צוגעקומען צו די צוויי מענטשן און האָט צו זיי געזאָגט, איך בעט אייך, גיט מיר ברויט אויף צו עסן, ווייל איך פאַסט שוין צוויי טעג, איך גיי שוין אין דעם מדבר צוויי טעג און איך האָב גאָרנישט געגעסן.

## איך וועל זיכער נישט בעטן פון דיר עסן, נאָר איך וועל גיין אָן שפייז

**יד. מיד אשתמיט,** באַלד האָט איינער פון די צוויי אַרויסגענומען עסן וואָס ער האָט זיך מיטגענומען אויפן וועג און ער האָט עס געגעבן צו דעם אָרימאַן צו עסן און אים אויך געגעבן צו טרינקען. האָט דער אַנדערער צו אים געזאָגט, וואָס טוסטו? דו וועסט דאָך נישט האָבן עפּעס צו עסן, פאַרלאָז דיך נישט אַז איך וועל דיר געבן פון מיין שפייז, ווייל איך האָב גאָר ווייניג שפייז. האָט דער מענטש וואָס האָט געגעבן צו דעם אָרימאַן, געזאָגט: וואָס האָב איך צו דיר, איך וועל זיכער נישט בעטן פון דיר עסן, נאָר איך וועל גיין אָן שפייז.

## האָט ער דאָס שטיקל ברויט אויך געגעבן צו דעם אָרימאַן אויפ׳ן וועג

**טו. יתיב גביה,** האָט דער מענטש געזעצט דעם אָרימאַן לעבן זיך און דער אָרימאַן האָט געגעסן, און עס איז ביי אים נישט איבערגעבליבן מער ווי אַ קליין שטיקל ברויט. האָט ער דאָס שטיקל ברויט אויך געגעבן צו דעם אָרימאַן אויפ׳ן וועג, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

## האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים צוגעשיקט די מצוה כדי אים מציל צו זיין פון דער גזירה

**טז. האָט רבי חייא** זיך מצער געווען פאַרוואָס די מצוה איז נישט געטוהן געוואָרן דורך אים. האָט רבי יוסי צו

אים געזאָגט, זיי דיך נישט מצער, ווייל נישט אומזיסט האָט דער אויבערשטער ברוך הוא צוגעשיקט די מצוה פאַר דעם דאָזיגן מענטש, ווייל טאָמער איז נגזר געוואָרן עפּעס אַ צרה אויף אים, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים צוגעשיקט די מצוה כדי אים מציל צו זיין פון דער גזירה.

## אין דעם זכות וואָס ער האָט געשפּייזט דעם אָרימאַן וועט ער ניצול ווערן

**יז. אמר רבי חייא,** האָט רבי חייא געזאָגט, לאָמיר געבן פאַר דעם מענטש פון דעם שפּייז וואָס מיר האָבן. האָט רבי יוסי געזאָגט צו אים, לאָמיר אים נישט געבן גאָרנישט, ווייל מיט דעם ברויט וואָס מיר וועלן אים געבן, וועלן מיר אַוועקנעמען פון אים דעם זכות (פון דער מצוה), נאָר לאָמיר גיין זעהן וואָס פאַראַ נס עס וועט געשען מיט אים, ווייל עס איז אַוודאי נגזר געוואָרן אויף אים אַז ער זאָל שטאַרבן, און אין דעם זכות וואָס ער האָט געשפּייזט דעם אָרימאַן וועט ער ניצול ווערן.

## דער אויבערשטער וועט זיכער מיט אים טוהן אַ נס

**יח. אדהכי יתיב,** דערווייל איז דער מענטש געזעסן אונטער אַ בוים און האָט געדרימלט, און זיין חבר האָט זיך דערווייטערט פון אים און איז געגאַנגען אין אַן אַנדערן וועג. האָט רבי יוסי געזאָגט צו רבי חסדא, לאָמיר איצט זיצן פונדערווייטנס און קוקן, ווייל דער אויבערשטער וועט זיכער מיט אים טוהן אַ נס.

## דער נס פון דעם מענטש וואָס האט געגעבן צו עסן פאַר אַ הונגעריגן

**יט. אדהכי חזו,** דערווייל האָבן זיי געזעהן ווי אַ פלאַם מיט גליענדיגע קוילן שטייט קעגן אים, און אַ שלאַנג נידערט אַראָפּ פון אַ בוים און וויל הרג׳ענען דעם דאָזיקן מענטש. איז

אויפגעשטאַנען דער פלאַם פייער און געלאָפן אויפ׳ן קאָפּ פון דעם שלאַנג, און האָט אים געטויט, און מער איז דער פלאַם פייער נישט געזעהן געוואָרן. האָט רבי יוסי געזאָגט צו רבי חייא, האָב איך דיר דען נישט געזאָגט אַז דער אויבערשטער ברוך הוא וויל טוהן אַ נס פאַר דעם דאָזיגן מענטש, און נעם אים נישט אוועק זיין זכות.

**נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן, האָבן זיי אים דערציילט וועגן דעם נס וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט מיט אים געטוהן**

**כ. אדהכי איתער,** דערווייל האָט דער מענטש זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און איז אַוועקגעגאַנגען. האָבן רבי יוסי און רבי חייא אים גענומען און אים געגעבן צו עסן. נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן, האָבן זיי אים דערציילט וועגן דעם נס וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט מיט אים געטוהן.

**עס איז פאַראַן אַ בוים,**
**וואָס אויב מען עסט פון אים, שטאַרבט מען.**

**כא. פתח,** האָט רבי יוסי אָנגעהויבן זאָגן, עס שטייט אין פסוק (משלי יא, ד) ״וּצְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת״, און צדקה ראַטעוועט פון טויט. ווייל עס איז פאַראַן אַ בוים וואָס אויב מען עסט פון אים, לעבט מען לאַנג, דאָס זענען די מצוות און מעשים טובים, און עס איז פאַראַן אַ בוים וואָס אויב מען עסט פון אים, שטאַרבט מען, דאָס זענען די עבירות, און דער מענטש וואָס האָט געטוהן צדקה און געגעבן עסן פאַר דעם אָרימאַן, און דורך די דאָזיקע צדקה איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון דעם שלאַנג און האָט אָפּגעשוואַכט דעם כח פון דעם בוים פון טויט. דעריבער האָט דער אויבערשטער ברוך הוא מיט אים געטוהן אַ נס.

**כדי מיר אַלע זאָלן זוכה זיין צו חיי עולם הבא**

**כב. לכן יראה,** דעריבער דאַרף דער מענטש פארשטיין אַז די וועלט איז בלויז נאַרישקייטן, און דער תכלית פון דעם מענטש איז ער זאָל ירש׳ענען עולם הבא. דעריבער דאַרף דער מענטש עוסק זיין אין צדקה, תורה און אין גמילות חסדים, כדי מיר אַלע זאָלן זוכה זיין צו חיי עולם הבא, אמן.

❖ ❖ ❖

# הוספה

**מיר טוען דאָ ציטירען אַ שווידערליכע פּאַסירונג וואָס איז פאַרגעקומען אין די צייטען פון הייליגען גאון ר׳ עקיבא אייגער זי״ע און זיין הייליגען פסק דין וואָס איז שטאַרק באַלערענד און נוצלעך אויף אַלע עניני כשרות און דאָס גלייכען און עס איז וויכטיג פון גרויס ביז קליין דאָס דורך צו קוקען און צו דערציילען און ערקלערען פאַר די קליינע קינדער.**

## דער קבלת פנים

**דאָס** איז געווען אין לאָמזשע אין ראש חודש סיון יאָר תקצ״ו. די גאַנצע שטאָט איז איינגעהילט געווען אין יום טוב׳דיגקייט. די פענסטער אין די נידעריגע הייזקעס זענען געווען צופּראַלעט, און עס האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט דאָס יום טוב אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט אינעווייניג, ווייסע טישטוכער וועלכע מען באַנוצט געוועהנליך אין די נאַכט פון סדר האָבן באַדעקט די טישן, און שבת-טאַפּעטן זענען איבערצויגען געווען אויף די בעטן.

**דער וואָס** האָט אָבער אַ בליק געטאָן אינעווייניג האָט באַלד באַמערקט אַז די הייזער זענען ליידיג פון מענטשן, ווי די איינוואוינער וואָלטן אַנטלאָפן פאַר עפּעס וואָס.

## וואָס האָט פּאַסירט?

**אַלע** שטאָט לייט מיט זייערע ווייבער און קינדער זענען אַרויס מקבל פנים זיין דעם הויכגעשעצטן גאַסט דעם גאון הדור ר׳ עקיבא אייגער, וועלכער איז ערשינען אין די שטאָט-טויערן קומענדיג אַהער אויף אַ קורצן וויזיט.

איינער פון די געשיכטע-שרייבער וועלכער איז ביי געווען דעם דאָזיגען שטאַנד שילדערט עס אָפּ ווי פאלגענד:

"**הונדערטער** זענען אַרויס אויפ'ן מיטן וועג צו מקבל פנים זיין דעם גאון. אין א פראַכטיגען וואָגן איינגעשפּאַנט צו פיר פערד זיצט באַשיידן אַ דאַרער מאַן, איינגעהילט אין אַ זיידענע הילע און אַ פוטערנע הוט אויף זיין קאָפּ. איך זעה נאך היינט זיין איינפאַך אָבער צאַרט-אַדעליגן אויסזען וואָס עס איז דער אייגענטום פון די וועלכע ווערן געבוירן אויף צו הערשן, און וואָס עס באַשיינט זייער געשטאַלט מיט'ן אידעלן שיין פון זייער נשמה. דאָס איז געווען דער איינדרוק פון די פילע הונדערטער וואָס האָבן זיך אין אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צונויפגעשטופּט אַרום אים. אַראָפּגייענדיג פון וואָגן האָט ער זיך געשטעלט אויף אַ שטיינערנעם טרעפּ און אויף זיין געזיכט איז אויסגעגאָסן געווען אַ צאַרט ליבליך שמייכל. אַלע האָבן זיך אַנטקעגן אים געבויגן אין טיעף עהרפורכט, איינער האָט אויסגערופן אויפ'ן קול "ברוך הבא!" און אַלע האָבן געענטפערט נאָך אים".

**און ווירקליך** איז אָט דער שילדערונג גאָרנישט איבערטריבן געווען. אַלע שטאָט-לייט אָן אויסנאַם זענען ביי געווען דעם דאָזיגען וואונדערליכן שטאַנד אין גרויסן פלאַץ וואָס פאַר'ן שטאָט-טויער. די בני תורה האָבן פאַרמאַכט זייערע גמרות, די סוחרים האָבן זייערע קראָמען געשלאָסן און די פרויען האָבן איבערגעלאָזט זייער אַרבעט איך קיך און זענען אַרויס מיט די קינדער אויף די הענט, אַלע אַלע זענען געקומען אויסטיילן כבוד דעם תורה-קעניג דער רבן של ישראל. - כוואַליעס פון פרייד און שטראָמען פון גליקס טרערן האָבן אויסגעבראָכן מיט'ן גאון'ס ערשיינען, און דער הויך-פונקט איז דערקומען ווען דער גאון האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף שלום פאַר גרויס און פאַר קליין. רייען רייען פון מוטערס מיט זייערע קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די זייטן פון וועג

כדי אַז דער גאון זאָל אַרויפלייגען זיין הייליגע האַנט אויף זייערע קליינע קעפלאַך און זיי בענטשן. און פּראַכטפול איז געווען דאָס צוזען ווי דער גאון ישראל שעפשעט מיט די ליפן די ברכה פון "יוסף ה׳ עליכם, עליכם ועל בניכם".

**די פון** שטאָט האָבן זיך אַרומגעקריגט און יעדערער האָט געוואָלט האָבן די זכיה צו האַלטן דעם גרויסן גאַסט ביי זיך און אַז זיין שטוב זאָל זיין דעם גאונ׳ס אכסניא, ביז עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו וואַרפן גורל דערויף. אָבער אָט איז געהערט געוואָרן אַז דער גאון האָט שוין באַשלאָסן צו האַלטן אכסניא גראָד ביי איינעם פון זיינע קרובים אין שטאָט.

**ווער איז** עס דער דאָזיגער קרוב וואָס איז זוכה אַז דער גאון זאָל ביי אים איינשטיין? - האָבן די ראשי הקהל געפּרואווט אַרויסבאַקומען פון גרויסן גאַסט׳ס מויל. אין אָנהויב האָט דער גאון געפּרואווט זיך אַרויסדרייען פון געבן אַנטוואָרט דערויף, אָבער ווען זיינע באַגלייטער האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט האָט ער זיי געזאָגט דעם נאָמען פון איינעם פון די אָרעמע לייט וואָס זיין אָרט איז אין מערב זייט פון בית מדרש.

**דערהערנדיג** דעם נאָמען האָבן די ראשי הקהל פאַרקרימט מיט דער נאָז: סטייטש?! אַז גאון וואָס קומט אויף אַ באַזוך אין אַזאַ מוטער-שטאָט ווי לאָמזשע, זאָל האַלטן אכסניא גראָד ביי אַזאַ איינפאַכן אָרעמאַן? וואָס וועלן לייטן דערויף זאָגען? ווי אַזוי וועלן מיר עס יוצא זיין דעם פליכט פון כבוד התורה?

**אָבער דער** גאון ר׳ עקיבא אייגער האַלט זיך ביי זיינס, און ער בעט פון זיינע באַגלייטער אַז זיי זאָלן אים באַלד אפּפירן אין שטוב פון זיין קרוב. די ראשי הקהל פּרואוון ווידער אַמאָל אים צוריקהאַלטן דערפון, זיי שטעלן פאַר אים פאָר די קליין הייזקע פון זיין קרוב וואָס האַלט ביים איינפאַלן, דעם בזיון וואָס לאָמזשע וועט האָבן

פון אַזאַ מעשה. זיי זאָגען אים אפילו צו אַז זיי וועלן זעצן זיין קרוב אין שפּיץ טיש און זיי וועלן אים מכבד זיין מיט די גרעסטע כיבודים.

*

**די למדנים** פון די זיבן טובי העיר ווייזן אויך זייער כח און זיי פּרוואוון איבערשפּאַרן דעם גאון מיט אַ לומדי׳שן מאַטיוו, וואָס אפילו אַזאַ מצוה דאורייתא ווי השבת אבידה איז אַ תלמיד חכם וואָס עס איז נישט פּאַר זיין כבוד פּטור דערפון, איז ווי אַזוי וויל דער גאון מכבד זיין זיין קרוב און מבזה זיין דערמיט די גאַנצע שטאָט?

**דערהערנדיג** די דאָזיגע לומדי׳שע הערה ווערט ר׳ עקיבא אייגער באַלד פאַרערענסט און זיין פּנים ווערט פאַרצויגען ווי בעת ער זיצט און שרייבט זיינע חדושי תורה, אָבער ער ענטפערט באַלד אויפ׳ן אָרט: אין געגנטייל, פון דאָרט איז גראָד אַ פאַרקערטער באַוויז, מיינע טייערע פריינד, ביי השבת אבידה שטייט ״והתעלמת״ (דברים כ״ב) דרש׳נען חז״ל דערפון אַז צומאָל מעג מען זיך יאָ פאַרהוילן, ווי צ.ב.ש. ווען איינער איז אַ זקן און עס איז נישט פּאַר זיין כבוד, אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט וועגן מקרב זיין קרובים שטייט דאָך דערויף ״ומבשרך לא תתעלם (ישעי׳ נ״ח) - פון דיין קרוב זאָלסטו זיך נישט פאַרהוילן, און דערויף איז נישטאָ קיין היתר אפילו פּאַר דעם וואָס עס איז נישט פּאַר זיין כבוד, און מ׳איז מחויב צו מכבד זיין אַ קרוב מיט וואָס נאָר מעגליך ס׳איז״...

**דער דאָזיגער** אַנטוואָרט פון געשעצטן גאון האָט אַלעמען שטיל געמאַכט און ר׳ עקיבא אייגער האָט זיך באַלד געקערט צו די שטוב פון זיין קרוב, דאָרט איז ער איינגעשטאַנען די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געווילט אין לאָמזשע.

**אין די** אַלע שעות פון טאָג זינט דעם טאָג וואָס ר׳ עקיבא אייגער איז אָנגעקומען אין לאָמזשע ביז צו דעם טאָג וואָס ער האָט איר

פאַרלאָזט, האָט נישט אויפגעהערט דאָס שטראָמען פון די מאַסן צו דער קליין הייזקע וואָס אין דער שמידן-גאַס, דאָרט האָט געוואוינט דעם גאון׳ס קרוב. מאַסן אידן אויך פון די אַרומיגע און נאָענטע שטעטלעך זענען אַהין געקומען. די הייזקע וואָס האָט געהאַלטן ביים איינפאַלן איז ווי אין אַ פיל-שטאָקיג הויז פאַרוואַנדעלט געוואָרן. ווער איז דען נישט געקומען אַהער? תורה-לומדים מיט אַ באַגאַזש פון קשיות און תירוצים אין הויות דאביי ורבא, אַנדערע זענען געקומען זען די תפלה פון גאון, הערן זיינס אַ וואָרט, אָדער אים זען ווי ער עסט זיין סעודה, ״יעדער באַוועגונג זיינער איז דאָך אַ גאנצע תורה״ - האָבן אַלע צווישן זיך געשמועסט. פיל זענען געקומען דאָ אויסגיסן זייער ביטער האַרץ, צו בעטן אַן עצה אַדער אַ ברכה, צו הערן אַ דערמוטיגונגס און אַ באַרוהיגונגס וואָרט. אַ הויפן צעטלאַך האָט זיך אָנגעזאַמעלט אויפ׳ן גאון׳ס טיש, אין וועלכע עס זענען אויס געשריבן געווען אידישע בקשות פון יעדן סאָרט ווי אויף פרנסה, שלום בית, נחת פון קינדער, געזונט א.ד.ג.

## די בקשה פון עטל די גבאי׳טע

**אין דער** גרויסער רייע פון מענטשן וואָס איז געווען אויסגעשטעלט פאַר די קליין הייזקע איז אין די ערשטע טעג פון גאון׳ס אָנקום, אויך געשטאַנען עטל די גבאי׳טע. נאָך שעות לאַנג וואַרטן איז אָנגעקומען איר רייע. זי קומט אַריין צום גאון און אַ שטראָם טרערן שטורצט אַרויס פון אירע אויגען. עטל וועלכע שיינט שטענדיג פון שמחה און לויפט נאָך, מיט איר גאַנצע נשמה, יעדער מצוה וואָס מאַכט זיך - וואָס איז איר פראָבלעם?

**ניין זין** האָט עטל וואָס לערנען אין די ישיבות, און אַלע זענען זיי באַרימט אַלס עילויים און שאַרפע קעפּ, אויסער איינער פון זיי מיט׳ן נאָמען משה נח, וועלכער - צום באַדויער פון זיינע עלטערן - האָט אַ פאַרשטאָפּטע קאָפּ אין תורה און ער קען נישט באַנעמען אפילו

איין שורה אין דער גמרא. זי איז שוין אויסגעווען וועגן דעם ביי פיל גדולים און קדושים, זי האָט שוין אויסגעפּרואווט פאַרשידענע סגולות, אָבער אָן ערפאָלג. צו דער צייט ווען ר׳ עקיבא אייגער איז געקומען אין זייער שטאָט איז שוין משה נח געוואָרן אַלט פופצען יאָר, אָבער אין פאַרשטיין אַ שטיקל גמרא איז ער נאָך געווען ווי אַ קינד פון דריי יאָר.

**די זאַך** איז זייער שטויניג געווען, ווייל אין וועלטליכע לערנונגען ווי רעכענען און אין אַנדערע געביטן האָט משה נח איבערגעשטיגען אַלע פון זיין עלטעד, ער האָט שנעל תופס געווען דאָס וואָס אַנדערע אינגלעך האָבן זיך לאַנג געדאַרפט מיהען דערויף, אָבער ווי עס איז געקומען צו גמרא איז ער אינגאַנצען אַן איבערגעענדערטער געווען.

**דער גאון** ר׳ עקיבא אייגער האָט אויסגעהערט דאָס פאַרביטערט האַרץ פון דער צובראָכענער מוטער וועלכע איז אַזוי פאַרקרענקט וועגן איר קינד׳ס תורה לערנען וואָס עס גייט נישט, און ער האָט זיך אנגערופן און געזאָגט: ״די גדולי הפוסקים שרייבן (ש״ך יו״ד) אַז מען דאַרף זייער געוואָרענט זיין אַז אפילו אַ קינד זאָל נישט פאַרזוכן פון אַן איסור׳דיגס עסן, ווייל דאָס באַרירט זיין נשמה, און ווען ער ווערט דערוואַקסן באַקומט ער דאַדורך אַ שלעכטן נאַטור און זיין קאָפּ איז פאַרשטאָפּט פאַר תורה״...

**״וואָס, וואָס!** - האָט עטל אויסגעבראָכן אין היסטעריע - מיין משה נח האָט אין זיין קינדהייט פאַרזוכט אַן איסור׳דיגס עסן?! חס ושלום, רבי, עס האָט אַזוינס פאַר קיין פאַל נישט געקענט זיין!״

**״לויט דיין** דערציילונג - ענטפערט דער גאון געלאַסן - קומט מיר דאָך אויס אַז ער האָט גראָד יאָ געגעסן אין זיין קינדהייט אַן אסור׳דיגס, און נאָר דאָס קען זיין די ריכטיגע סבה וואָס ער פאַרשטייט נישט קיין גמרא״...

**עטל וועלכע** איז געווען איינגעוואָרצלט אין אמונת חכמים האָט זיך עטוואָס באַרואיגט און האָט אַ פרעג געטאָן:

**"אין וואָס** אַלזאָ איז די עצה דערצו, טייערער רבי?" "צו האָרעווען אין תורה אין דחקות, אַסאַך האָרעווען" - האָט דער גאון איינִיגע מאָל ווידער געזאָגט זיין אַנטוואָרט און דערמיט האָט זיך דער געשפרעך געענדיגט. באַלד דערויף איז דער וואָס נאָך איר געווען אין די רייע אַריינגעקומען.

**עטל איז** באַלד געקומען אַהיים און האָט איבערדערציילט פאַר איר מאַן ר' הירש לייב, וואס ר' עקיבא האָט געזאָגט וועגן זייער משה נח'ן. "ווי פאַסט עס ווירקליך פאַר אַזאַ אשה צדקנית ווי דו - פרעגט ר' הירש לייב שטעכיג און ביטערליך - נישט צו זיין פאָרזיכטיג אין אַזאַ זאַך און אונזער קינד זאָל אַן אסור'דיגס עסן נעמען אין מויל?!" "וואָס?! אַזוי זעה איך אויס אין דיינע אויגען? איך בין אויף אַזוינס פאַרדעכטיגט? - צעשרייט זיך עטל נישט מיט איר קול - ווער נאָך ווי דו ווייסט מיין מסירות נפש און פאָרזיכטיגקייט אין אַזעלכע זאַכן? עס איז נאָך קיינמאָל נישט אַריינגעקומען ביי אונז אין שטוב מילך וואָס איך אַליין בין נישט געשטאַנען ביים מעלקן עס; די קינדער האָבן נאָך קיינמאל נישט פאַרזוכט ברויט פון גאַס נאָר וואָס איך אַליין האָב געבאַקן; קיין ווערמדיגע פרוכט אָדער גרינסן איז קיינמאָל אין זייער מויל נישט געקומען; און פלייש, דאָס ווייסטו דאָך אַליין אַז דו אלס מורה הוראה האָט נאָך קיינמאָל נישט אַריינגעברענגט אין שטוב נאָר וואָס דו אַליין ביסט ביי געווען ביים שחט'ן און ביי דער בדיקה. איז וויאַזוי קענסטו אויף מיר וואַרפן אַ שולד פון אומפאָרזיכטיגקייט ווען דו אַליין ווייסט און קענסט עדות זאָגען דערויף, אַז דאָס פאַרקערטע איז דער אמת?!

**נאָך אַ** ווײַלע פון שפּאַנענדן שווייגן האָט עטל זיך באַרוהיגט און נאָך אַ ווידער איבערטראַכט אין די רייד פון גאון האָט זי זיך

אָנגערופן צו איר מאַן און געזאָגט: "מעגליך אַז אונזער משה נח האָט אין זיין קינדהייט פאַרזוכט עפּעס אסור'דיקס ביי אַ שכן אָדער אַ חבר אָדער ערגעץ וואו ביי אַ שמחה?"

**דאָס לאָזט** זיך הערן - ענטפערט ר' הירש לייב - מען דאַרף די זאַך גרונטליך נאָכפאָרשן". און זיי באַשליסן ביידע גוט אַרומצופרעגן משה נח'ן אַוואו ער האָט ערגעץ אַמאָל גענומען עפּעס אין מויל אַריין אָן זייער קאָנטראָל.

**ווען** משה נח איז אין אָוונט צייט צוריק געקומען אַהיים פון דער ישיבה האָבן אים די עלטערן שוין אומגעדולדיג אָפּ געוואַרט. ר' הירש לייב האָט אים באַלד אַנידערגעזעצט נעבן זיך און ער האָט גענומען פאַראינטערעסירן זיך מיט אים וועגן זיינע לערנונגען אין ישיבה, און אינצווישן האָט ער אים אָנגעהויבן אַרומפאָרשן צי ער האָט ווען אַמאָל עפּעס געגעסן ביי פרעמדע מענטשן. אָבער משה נח ענטפערט באַלד קלאָר און אַנטשלאָסן אַז ער האָט שטענדיג טריי אָפּ געהיט דעם פאָרזאָג פון דער מוטער נישט צו פאַרזוכן אפילו דאָס מינדעסטע ביי פרעמדע מענטשן, און פון זינט ער געדענקט פון זיין קינדהייט אָן האָט ער נאָך ביי קיינעם נישט געגעסן און עס איז נישט געקומען אין זיין מויל קיין עסן אויסער וואָס די מוטער האָט פאַר אים צוגעגרייט.

**ר' הירש לייב** אָבער לאָזט נישט נאָך, ער איז זיכער אַז די רייד פון ר' עקיבא אייגער זענען ריכטיגע און ער דריקט אויף משה נח'ן אַז ער זאָל אָפּ-פרישן זיין זכרון און זיך דאָך דערמאַנען אין וועלכן פאַל וואָס ער האָט יאָ גענומען עפּעס אין מויל אויסערן שטוב, אפילו ווען דאָס איז געשען מיט צען יאָר צוריק.

**"אאָה, טאַטע,** איך האָב זיך עפּעס דערמאַנט - האָט משה נח זיך אָנגערופן נאָך אַ לאַנגע ווײַלע פון אָנשטרענגען זיין זכרון - דאָס איז געווען ווען איך בין אַלט געוועזן אַרום פינף יאָר.

אין איינעם פון די חנוכה-טעג, ווען איך בין צוריק געגאַנגען מיט אַ חבר פון חדר, זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען דעם שטאָט-האָטעל אַוואו עס איז דאַן פאָרגעקומען אַ חתונה, איז אַרויס צו אונז איינער פון די מחותנים און האָט אונז אַריינגעפירט אינעוויינינג, דאָרט האָט ער אונז מכבד געווען מיט אַ טעלער זופּ און א שטיק עוף. איך בין אַזוי הונגעריג געווען דעמאָלטס אַז איך האָב גענצליך פאַרגעסן אין דער מאַמע׳ס פאָרזאָג״...

## אין שטוב פון שוחט

**ר׳ הירש לייב** באַשליסט צו זיך ווענדן קודם כל צום האָטעל-אייגענטימער ר׳ אליעזר, אפשר געדענקט ער נאָך די מאכלים וואָס מען האָט דעמאָלטס ביי דער חתונה דערלאַנגט.

**אויפצומאָרגען** באַלד נאָך תפלת שחרית איז שוין ר׳ הירש לייב געווען ביי ר׳ אליעזר׳ן אין האָטעל. ״אפשר געדענקט איר, ר׳ אליעזר - פרעגט ר׳ הירש לייב - דעם חתונה-מאָלצייט וואָס איז פאָרגעקומען ביי אייך אין האָטעל אין חנוכה-צייט פאַר צען יאָר צוריק?״ ״וואָס רעדט איר, ר׳ הירש לייב? - שטעלט אָן אויף אים ר׳ אליעזר אַ פּאָר שטוינענדע אויגען - כמעט צוויי מאָל אין דער וואָך קומט דאָ פאָר אין מיין באַרימטן האָטעל אַ חתונה, איז ווי אַזוי זאָל איך געדענקען וואָס עס איז געווען דאָ פאַר צען יאָר צוריק?״

**אָבער** ר׳ הירש לייב בעט זיך ביי אים ממש מיט תחנונים אַז ער זאָל זען זיך צו דערמאַנען ווייל, - האָט ער צוגעגעבן, - די זאַך איז אים נוגע ממש אין לעבן. ר׳ אליעזר נעמט דאַן ר׳ הירש לייב׳ן און גייט מיט אים צוזאַמען אַרונטער אין קעלער פון הויז, און דאָרט פאַר אַ נאַכט-לאָמפּ נעמט ער זוכען און נישטערן אין די אַלטע חשבונות-ביכער פון האָטעל, ביז עס איז ענדליך געפונען געוואָרן אין א פנקס פון פאַר צען יאָר צוריק געשריבן ווי פאָלגענד:

**"אין צווייטן** טאָג פון חנוכה כ"ו כסלו יאָר תקפ"ו איז פאָרגעקומען די חתונה פון יקותיאל אַלפערט (אין זיווג שני), ער האָט פון פאָראויס באַצאָלט אַלע קאָסטן". ר' הירש לייב האָט איינגעזען אַז עקשנות באַצאָלט זיך. ער האָט שוין דעם שנירל אין האַנט. ער דאַרף נאָר אַריבערגיין צום דאָזיגען יקותיאל וועלכער וואוינט אין דער נאָענטער גאַס און געוואויר ווערן ביי אים וואָס עס האָט פּאַסירט דעמאָלטס מיט די עופות וואָס זענען אויף דער חתונה גע'שחט'ן געוואָרן דורכ'ן שטאָט-שוחט.

**דער דאזיגער** יקותיאל איז געווען פון די גאָר פּראָסטע אידן אין לאָמזשע, זייער אַ מגושם'דיגער מאַן, און זיין אַרבעט איז געווען צו פאַרריכטן פאָדקוועס פון פערד. ווען ער האָט דערזען ר' הירש לייב'ן דער מורה הוראה אַריינקומענדיג אין שטוב, האָט ער אים אויפגענומען מיט אַ ברייטן שמייכל וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פאַרגרעבט פנים.

**"וואָס האָט** דעם מורה צדק געברענגט אין מיין "פּאַלאַץ"? - האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם גאַסט אָן אַ שלום געבן, און זיין שטים האָט אָפּגעהילכט ווי דאָס שטים פון אַ פערד פּאָדקווע. ר' הירש לייב בעט אים אז ער זאָל אים דערציילען איינצעלהייטן וועגן זיין חתונה אין צווייטן זיווג וואָס איז פאָרגעקומען פאַר צען יאָר צוריק. יקותיאל'ן גייט עס איבערהויפט נישט אָן פאַרוואָס אָט דער "האַלבער רב" - ווי ער האָט אָנגערופן ר' הירש לייב'ן - פאַראינטערעסירט זיך אַזוי מיט זיין פאַר צען יאָרעדיגע חתונה. ער געהערט נישט צו די נייגעריגע פאַרשוינען ביי וועלכע יעדע זאַך פאַרנעמט אַן אָרט אין זייער געדאַנק. פאַר אים איז גענוג דער טרוקענער פאַקט אַז איינער פון די "פני העיר" שטייט און רעדט מיט אים און פאַראינטערעסירט זיך מיט זיין לעבנס געשיכטע, איז נאָך פאַראַן עפּעס גרעסערס דערפון? איז ער דעריבער אַלזאָ גרייט אַרויסצוגעבן פאַר אים אַלעס וואָס איז אים נוגע. ער דערציילט ר'

הירש לייב׳ן אַז פאַר דרייסיג יאָר צוריק האָט ער זיך געג׳גט מיט זיין ערשטע פרוי רחל פון דער שטאָט ראָוונע, און נאכדעם וואָס ער איז געזעסן אַליין צוואנציג יאָר האָט ער פאַר צען יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט זיין צווייטע פרוי חוה.

**אָן צו** פאַרלאַנגען דאָס און אָן אַ באַדאַרף אים רעדן צו מאַכן, דערציילט ווייטער יקותיאל פאַרשידענע איינצעלהייטן פון דער פראַקטיגער חתונה וואָס ער האָט זיך איינגעאָרדענט, ווער עס איז געווען דער רב דער מסדר קדושין און ווער עס איז געווען דער שוחט פון די עופות אויפ׳ן חתונה-מאָלצייט. פאַר ר׳ הירש לייב׳ן איז דאָס שוין געווען גענוג. ער האָט זיך געשיידט פון אים, אָנוואונטשענדיג אים אריכות ימים און שלום בית און ער איז באַלד אַוועק פון זיין שטוב אין דער ריכטונג פון שוחט׳ס וואוינונג.

**אַריינקומענדיג** צום שוחט אין שטוב, האָט ר׳ הירש לייב נאָכ׳ן שלום געבן אים אַ פרעג געטאָן: ״געדענקט איר נאָך אפשר ווי עס איז צוגעגאַנגען ביים שחט׳ן די עופות אויף די חתונה פון יקותיאל אַלפערט פאַר צען יאָרק צוריק?״

**דער אַלטער** שוחט וועלכער האָט שוין דעמיסיאָנירט פון זיין אַמט צוליב אַלטקייט, איז באַלד בלאַס געוואָרן און ער האָט גענומען זיפצן:

**״ווער, ווער!** די חתונה פון יקותיאל׳ן ביי וועלכע איך בין דורכגעפאלן מיט׳ן עופות-שחט׳ן, וויפיל תעניתים האָב איך שוין דאַרויף אָפגעריכט, און יעצט קומט ווידער ווער דערמאַנען מיין זינד?...

**״איז דען** חס ושלום די שחיטה נישט כשר געווען?״ - פרעגט אין ציטער ר׳ הירש לייב.

**״ניין, ניין** - באַרוהיגט אים דער שוחט - ״די שחיטה איז געווען

בתכלית הכשרות, אָבער אַן אַנדער צרה איז דאָ פאַרמישט געווען״. און ער איז שטיל געבליבן.

**״וואס אַזוינס** האָט עס געקענט זיין?״ שטוינט ר׳ הירש לייב׳ס נייגעריגקייט. ״וואָס קען עס אייך פאַראינטערעסירן וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר צען יאָר צוריק״? - פּרוּווט דער אַלטער שוחט זיך אַרויסדרייען פון אים.

**דאָ גיסט** אויס ר׳ הירש לייב זיין גאַנצע האַרץ פאַר׳ן שוחט. ער דערציילט אים די גאַנצע געשיכטע פון זיין זון משה נח און וואָס ר׳ עקיבא אייגער האָט דאַרויף געזאָגט, ער קען נישט געפינען קיין רוה, פירט ער אויס, ביז ער וועט וויסן צו וואָר וואָס אַזוינס אסור׳דיגס עס איז אין זיין קינד׳ס מויל געקומען וואָס האָט אַזעלכע שווערע פאָלגען געטראָגען - כדי צו וויסן צו וואָרענען אַנדערע פאַר ענליכע פאַלן אַזעלכע.

**דער שוחט** איז זייער באַאיינדרוקט געוואָרן פון די ערנסטקייט פון ר׳ הירש לייב׳ס רייד און ער איז אַ דערציטערטער געוואָרן פון דעם ווייטן בליק און רוח הקודש פון גאון הדור ר׳ עקיבא אייגער.

**״דאָס איז** געשען פאַר דרייסיג יאָר צוריק - האָט דער שוחט אָנגעפאַנגען אין אַ שוואַך ציטערדיג שטים - יקותיאל אַלפערט האָט געג׳ט זיין פרוי רחל פון דער שטאָט ראָוונע. ווער ס׳איז געווען דער בית דין וועלכער האָט דעם דאָזיגען גט מסדר געווען ווייס איך נישט, אָבער ביז איניגע וואָכן דערנאָך איז געהערט געוואָרן אַז דער גט איז פסול און יקותיאל׳ס געג׳ט׳ע פרוי איז נאָך אַן אשת איש. ביז אַפּאָר יאָר דערנאך האָט מען נאָך אַלץ גערעדט אין די בתי מדרשים וועגן אָט דעם פּסול׳ן גט, און ענדע איז די זאַך פאַרגעסן געוואָרן.

**פאַר** צען יאָר און דריי חדשים צוריק האָט יקותיאל אויף זיין עלטער ווידער אַמאָל חתונה געהאַט, דער רב מסדר הקדושין האָט נישט

געוואוסט און קיין אַהנונג געהאַט וועגן דעם פסול'ן גט פון פאַר כמעט צוואַנציג יאָר צוריק, און אויך איך האָב פון דער גאַנצער זאַך נישט געוואוסט. אַה, אאַה! - רייסט דער אַלטער איבער אינמיטן, זיפצענדיג און ברעכענדיג מיט די הענט - וועה צו די הענט וואָס וועלן זיך בריען אין גיהנום -פייער פאַר'ן שעכטן די עופות אויף דער דאָזיגער חתונה!...

**אַרום** צוויי וואָכען נאָך דער חתונה - זעצט דער אַלטער ווייטער פאָר זיין דערציילונג באַגעגן איך אין גאַס מיינעם אַ פריינד, אַ אַלטער חב"ד-חסיד און ער מוסר'ט מיר אויס: "הלמאי? אַזוי ווייט ביסטו שוין דערגאַנגען? צוליב געלט איז אַלץ מותר? ווייסטו דען נישט אַז אונזער הייליגער רבי דער גאון ישראל ר' שניאור זלמן פון ליאדי, דער בעל התניא און שלחן ערוך, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון די וועלכע האָבן גע'פסל'ט יקותיאל'ס גט צו זיין ערשטע פרוי? איז ווי אַזוי האָסטו געוואַגט צו שחט'ן די עופות אויף דער חתונה פון אָט דעם העסליכן זינד-באַגעהר, וועלכער נעמט אַ צווייטע פרוי אין דער צייט וואָס די ערשטע איז נאָך על פי דין זיין פרוי?!

**הערנדיג דאָס** בין איך אויפ'ן אָרט געפאַלן אין חלשות. מיין פריינד האָט מיר אָפּגעמינטערט און נאָכדעם וואָס איך בין געקומען צו זיך און האָב אים איבערצייגט אַז איך האָב קיין זאַך דערפון נישט געוואוסט, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין בוזעם דעם בריוו פון "בעל התניא" זיע"א אין וועלכ'ן ער שרייבט אין גרויס ביטערקייט קעגן דעם גט פון יקותיאל'ן, און ער האָט עס מיר געוויזן.

**ווערה איז** מיר - פירט דער אַלטער שוחט אויס - וואָס איך בין אומוויסענדיג דורכגעפאַלן אין אַזאַ האַרבן ענין! ווערה צו די הענט וואָס האָבן די עופות גע'שחט'ן אויף אַזאַ פאַרצווייפלטע חתונה"...

## דער בריוו פון בעל התניא

**פאַקטיש האָט** שוין ר׳ הירש לייב געוואוסט אַלעס וואָס ער האָט געדאַרפט וויסן, אָבער עס האָט אים אנגענומען אַ חשק צו זען מיט די אייגענע אויגען דעם הייליגען בריוו פון ״בעל התניא״ און ער האָט זיין דאָזיגען באַגער אויסגעדרוקט פאַר׳ן שוחט. דער שוחט האָט גראָד נישט געהאַט קיין חשק דערצו, בלויז דער דערמאַנונג פון בריוו אַליין האָט אים אומאַנגענעם געמאַכט, איז ווי נאָך דאָס צו זען מיט די אויגען. אָבער ר׳ הירש לייב האָט ווידער אייגנע׳טענה׳ט מיט אים ביז ער האָט אים איבערצייגט אין די וויכטיגקייט דערפון. דער אַלטער חב״ד-חסיד, ביי וועמען דער בריוו האָט זיך געפונען, האָט אָבער געוואוינט אין אַ דאָרף וואָס איז צוואָנציג מייל ווייט פון לאָמזשע, איז ווי וועלן זיי קומען צו אים? - האָט דער אַלטער שוחט געפרעגט.

**ר׳ הירש לייב** זענדיג ווי אַזוי די הייליגע רייד פון ר׳ עקיבא אייגער זענען פולשטענדיג מקוים געוואָרן, האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר קיין שוועריקייטן און בליץ שנעל איז ער אַרויס אין גאַס און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ וואָגען וואָס האָט זיך אָפגעשטעלט פאַר די טיר פון שוחט׳ס שטוב. ער און דער שוחט האָבן זיך אַריינגעזעצט אין וואָגען און דער בעל עגלה האָט גענומען טרייבן די פערד.

**פינף שעה** האָט געדויערט די נסיעה און די גאַנצע צייט האָט געגאָסן אַ רעגן אָן אויפהער. ערשט שפעט אויף דער נאַכט זענען זיי אָנגעקומען צו די שטוב פון חב״ד-חסיד. אַ לייכטער אָנקלאַפּ אין טיר און אַן אַלטער הדרת פנים-דיגער איד הויבט זיך אויף פון זיין גמרא און עפענט די טיר. דער איד וועלכער האָט אין זיינע יונגע יאָרן נאָך זוכה געווען צו באַדינען די הייליגע גאונים ר׳ מנחם מענדל פון וויטעפסק און דעם ״בעל התניא״, האָט די געסט מיט אַ

פריילעך פּנים אויפגענומען, האָט זיי שלום געגעבן און האָט זיי מכבד געווען מיט וואַרעמס און צובייסעכץ.

**די געסט** האָבן זיך אַביסל דערוואַרעמט און דאָס פאַרגליווערט פראָסט אויף זייערע בערד איז זיך צורינען. דער אַלטער לאָמזשער שוחט האָט באַגריסט זיין פריינד און געפרעגט וואָס ער און זיינע פאַמיליע לייט מאַכן, און דאַן האָט ער אים דערקלערט דעם צוועק פון זייער קומען צו אים אַזוי שפּעט אין אָוונט. ער האָט אים פאָרגעשטעלט זיין באַגלייטער און האָט אים געזאָגט אַז עס גייט אים אין לעבן צו זען מיט זיינע אייגענע אויגען דעם בריוו פון "בעל התניא" וועגן דעם גט פון יקותיאל אַלפערט צו זיין פרוי רחל, און ער האָט אים דערביי דערציילט וואָס דער גאון ר' עקיבא אייגער האָט געזאָגט וועגן דאָזיגען איד'ס קינד.

**דער** בעל הבית האָט אין גרויס עהרפורכט אַרויסגענומען פון אַ פאַרשלאָסענעם שופלאָד דעם בריוו און זיי האָבן אַלע דריי באַנאַנד געלייענט ווי פאָלגענד:

**"איך בין** דערציטערט געוואָרן הערנדיג פון די מעשה וואָס טאָר אַזוינס נישט פאָרקומען ביי אידן, וואָס עס איז נאָענט צו אייך באַגאַנגען געוואָרן מיט'ן גט'ן מיט אַ גט וואָס איז פסול פון דער תורה (וואָס מען האָט געשריבן אין גט דעם נאָמען פון די פרוי רחל), ווייל כאָטש דער נאָמען איהרע פון וויגל איז ר'חל אָבער זי איז ביי אַלעמען גערופן געווען ראַשע א. וו., איז דעריבער ליגט אויף אייך דער פליכט צו פאַרמיידן פון דעם מגרש צו חתונה האָבן חס ושלום מיט אַ צווייטע פרוי א. וו. און איר זאָלט גוזר זיין אין אַ האַרבע גזירה אויף די שוחטים, אַז זיי זאָלן חס ושלום נישט שחט'ן קיין בהמה אָדער עוף אויף דער חתונה, און אויב זיי וועלן ח"ו עובר זיין דערויף זאָל די שחיטה זיין נבילה" (שו"ת בעל התניא יו"ד).

**ביידע,** ר' הירש לייב און דער אַלטער שוחט, האָבן אויסגעבראָכן אין

אַ געוויין, וואָס האָט נאָס געמאַכט דעם פאַרגעלטן פּאַפּיר פון אַלטקייט אויף וועלכ׳ן עס איז געשריבן געווען דער הייליגער בריוו פון גאון וואָס איז געגליכן צו אַ מלאך פון הימל דער בעל התניא והשלחן ערוך.

**נאָך אין** דער זעלבער נאַכט האָט זיך ר׳ הירש לייב צוריקגעקערט אין לאָמזשע, און דער אַלטער שוחט איז געבליבן נעכטיגען אין זיין פריינד׳ס שטוב אין דאָרף. ר׳ הירש לייב האָט קוים באַוויזן מיט צו דאַווענען מיט׳ן ותיקין-מנין צום נץ החמה, אין וועלכ׳ן ער האָט טאָג טאָג געדאַווענט בקביעות, און ביי דער תפלת שמונה עשרה האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר השי״ת אַז ער זאָל אים באַשענקען מיט דער ריכטיגער עצה, אַוואו צו שיקן זיין זון משה נח׳ן צו לערנען תורה אין דחקות, צו אויספאָלגען די עצה פון ר׳ עקיבא אייגער וואָס האָט פאָרגעלייגט פאַר זיין פרוי די צדקנית עטל; זאָל אייער משה נח לערנען תורה אין דחקות וועט אים השי״ת עפענען זיין האַרץ אין תורה.

**ווען** ר׳ הירש לייב איז אָנגעקומען אין זיין תפלה צו דער ברכה פון "ולירושלים עירך", האָט זיך אים דאָס לשון ווי פאַרטשעפּעט "ולירושלים"... "עירך"... ער איז געבליבן שטיין אַ ווייל|ע ביי די צוויי ווערטער. אַ געדאַנק האָט אים אין דעם מאָמענט אויפגעבליצט... "אפשר האָט מען מיר דאָ פון הימעל אָנגעוואונקען אַז מיין בקשה איז דערפילט געוואָרן? - האָט ער אַ טראַכט געטאָן - פיל פיל האָב איך זיך דאָך אָנגעהערט וועגן דער תורה אין דחקות וואָס אידן אין עיר הקודש לערנען. אָט דאָרט ביים הימעל-טויער איז דער ריכטיג געוואונטשענער אָרט וואָס איז באַשטימט פאַר אונזער משה נח׳ן צו האָבן זיין רפואה, און מיר וועלן נאָך מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף זוכה זיין צו זען נחת פון אים, איז טאַקע ווירקליך מיין תפלה אָנגענומען געוואָרן אויפ׳ן אָרט? אַה, הלוואי, רבונו של עולם!"

## הוי גולה למקום תורה - גיי אין גלות אין אַן אָרט פון תורה

**נאך אין** זעלבן פרי מאָרגען האָט ר׳ הירש לייב געדעדט מיט זיין זון משה נח אונטער פיר אויגען: ״איך ווייס, מיין זון, אַז דו האָרעוועסט פיל אויף תורה אָבער צו מיין גרויס באַדויער האָסטו קיין ברכה אין דיין לערנען ביז היינט נישט געזען. דיין מוטער די צדקנית האָט זיך געפרעגט אַן עצה דערויף ביי איינעם פון די גדולי ישראל און ער האָט געזאָגט, אַז נאָר דאָס קען דיר מציל זיין, אויב דו וועסט אַוועקפאָרן אין אַן אָרט אַוואו דו וועסט לערנען תורה אין דחקות״.

**ר׳ הירש לייב** איז שטיל געבליבן אויף אַ ווייל באַטראַכטענדיג דעם איינדרוק פון זיינע ווערטער אויף משה נח׳ס געזיכט. דאַן האָט ער - און פון טרערן געשטיקט שטים ווייטער פאָרגעזעצט: ״עס איז ווירקליך זייער שווער, מיין טייער קינד, צו פאַרלאָזן אַן עלטערנ׳ס-היים אין אַ יונגען עלטער און גיין וואַנדערן אַליין נאָך ארץ ישראל - דער אָרט וועלכ׳ן מען האָט פאַר דיר פון הימעל באַשטימט, און זיבן פאַכיג שווערער איז די זאַך פאַר דיינע עלטערן וואָס האָבן דיר ליב מיט׳ן גאַנצען האַרצן, אָבער ווייס, מיין קינד, אַז נאָר דאָרט וועסטו דערגרייכן דעם אמת׳ן תכלית פאַר וועלכ׳ן דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, נאָר דאָרט וועסטו געפינען היילונג פאַר דיין פלאָג, און מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף וועסטו נאָך אויסשטייגען אין תורה און וועסט זיין פון די גדולי ישראל״.

**משה נח** האָט אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין. ער איז אינגאַנצען פופצן יאָר אַלט, און ער מוז זיך שוין שיידן פון זיינע טייערע עלטערן, פון זיינע זעלטענע ברידער און געטרייע שוועסטער. ער ווייסט אָבער אַז בלייבן אַן עם הארץ אין תורה איז ערגער פון דעם אַלעס, און ער נעמט אָן פאַר ליב דעם גלות אין אַ מקום תורה.

**אין יענע** טעג האָט זיך אין ליטע צוזאמענגענומען אַ גרופע פון תלמידי חכמים און חשוב׳ע בעלי בתים, אויף עולה צו זיין

נאָך ארץ ישראל. ר׳ הירש לייב האָט זיך באַלד באַקאַנט מיט איינעם פון די עולים, האָט אים דערציילט זיין גאַנצען ענין און האָט אים איבערגעגעבן זיין זון אין האַנט, אָנבעטנדיג אים, אַכטונג צו געבן אויף אים ביז ער וועט געפינען פאַר אים אַ פּאַסיגען חבר צו לערנען תורה.

**אין איינִיגע** טעג אַרום איז די גרופּע עולים אַרויסגעפאָרן צום אָרט אין זייער עליה נאָך ארץ ישראל. ר׳ הירש לייב און עטל, די ברידער און די שוועסטער, האָבן משה נח׳ן באַגלייט צום אָרט. זייער רירענד איז דער אָפּשייד אין אָרט געווען, טרערן און טיעף האַרציגע ברכות און וואונטשן האָבן משה נח׳ן באַגלייט צו דער שיף, ביז די שיף האָט ענדליך איר אַנקער אויפגעהויבן און האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויף די ים-כוואַליעס מיט די דרייסיג אידישע עולים אויף זייער וועג קיין ארץ ישראל.

**נאָך** דריי חדשים פון וויגן זיך אויף די כוואַליעס פון ים התיכון איז די שיף מיט די עולים אָנגעקומען בשלום אין אָרט יפו, און נאָך דריי טעג אָפּרוה אין אכסניא האָבן זיי זיך איינגעאָרדענט אַ שיירא צו גיין קיין ירושלים. די עולים האָבן איינגעפּאַקט זייער באַגאַזש און צווישן זיי אויך דער יונגסטער פון די עולים, משה נח, וועמענ׳ס רענצל איז געווען גרעסער ווי זיין מאָס. אויסער זיין באַגאַאזש האָט משה נח אויך געטראָגען מיט זיך אַ בריוו, וועלכ׳ן דער פאָטער האָט אים באַפוילען שטרענג אפּצוהיטן און נישט אַרויסלאָזן פון האַנט ביז ער וועט עס איבערגעבן צו דעם אַדרעס וועלכע איז דערויף אָנגעצייכענט.

**דער דאָזיגער** בריוו פון ר׳ הירש לייב׳ן איז געווען געווענדעט צו זיין קרוב אין ירושלים דער גאון און חסיד ר׳ יעקב קאָפּל שפּירא (דער פאָטער פון באַוואוסטן ירושלים׳ער צדיק ר׳ הירש מיכל) און אין זיינע גלייך אויסגעליינטע שורות איז געווען געשריבן ווי פאָלגענד:

**״צו מיין** טייער׳ן געשעצט קרוב דער גאון און צדיק ר׳ יעקב קאָפּל

שליט״א: נאָכ׳ן פאַרנויגען זיך פאַר אייער כבוד התורה און נאָך אַ באַגריסונג צו אייך און אייער חשוב׳ע פאַמיליעס זאָלן לעבן, מעלד איך אייך דאָ אין פאָרזעץ צו מיין פריערדיגען בריוו, אַז עס איז מיר בעזר השם געלונגען די זאַך צו פאַרווירקליכן, און מיין זון משה נח נ״י וועלכער גיט איבער דעם דאָזיגען בריוו איז עולה נאָך ירושלים מיט אַ ריינע כוונה און מיט׳ן ציל זיך צו איבערגעבן צום לערנען תורה אין דחקות. איך בעט פון אייך ווידער אַמאָל און אין טאָפּעלט געבעט, מיין טייערער פריינד, היט אים אָפּ ווי דאָס שוואַרץ אַפּעל פון אויג אַז ער זאָל ח״ו נישט מבטל זיין פון תורה אפילו אויף אַ קליין ווײַלע, און דערמיט גיב איך אייך איבער די נשמה פון מיין קינד, אַלס פקדון וואָס זאָל זיין אָפּגעהיט אין אַלע הינזיכטן. בלויז פון אייער ברויט זאָל ער עסן און פון די געטראַנקען פון אייער הויז זאָל ער טרונקען, און אויף אייער טיש זאָל ער זיינע סעודות אפּריכטן.

**איר זאָלט** אים מחנך זיין צו לערנען און האָרעווען אין תורה מיט התמדה און איר זאָלט אים דערוויַיטערן פון מותרות און פאַרגעניגענס. ווי איך האָב אייך שוין פון פריער געשריבן, האָב איך אויך אין גולה געפונען פיל האָרעוואַניע אין תורה, אָבער אין דחקות איז נישטאָ מער ווי אין ירושלים, און דעריבער שיק איך אים דאָרטן. טוט אַלזאָ מיט אים ווי איר האָט צוגעזאָגט אין אייער לעצטן בריוו, אַז איר וועט זען אים איינצושליסן צווישן די וואָס זיצן נאָענט צום שער השמים. און השי״ת אין זיין גרויס רחמנות זאָל שיקן זיין הילף און זאָל עפענען זיין האַרץ אין זיין תורה, וואָס דאָס איז אונזער איינציגער וואונטש. דער וואָס עהרט און שעצט אייך. דער פריינד פון אייער פאָטער הגה״צ ר׳ וועלוול פון טיקטין זצ״ל.

*הירש לייב פאַרבער*

**מיט׳ן אָנקום** פון משה נח׳ן אין ירושלים איז אַ נייע, אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, פאַר אים אַנטדעקט געוואָרן.

אינגאַנצען איינגיע טעג וואָס ער געפינט זיך ביי ר׳ יעקב קאָפּל׳ען אין שטוב, און ער האָט שוין גוט דערפילט ווי אַנדערש דאָ איז פון וואו ער איז ביז איצט געווען. אויך זיין פאָטער׳ס שטוב אין לאָמזשע איז ווייט געווען פון מותרות, און די טאָג טעגליכע אויסגאַבן זענען אָנגעגאַנגען בצמצום, יעדער פרוטה איז געווען אויסגערעכנט און בלויז אויף דאָס לעבנס נויטיגע, און דאָך איז די שטוב-פירונג גאַנץ אַנדערש געווען ווי די פון ר׳ יעקב קאָפּל׳ען, און די השגות פון עולם הזה לעבן צווישן דאָ און דאָרטן זענען ווי׳ט געווען ווי מזרח פון מערב.

**ביי זיינע** עלטערן אין לאָמזשע איז די שטוב באַשטאַנען פון דריי גרויסע צימערן, די ווענט פון שטוב זענען געווען געקאַלכט און געפאַרבט פאַרשידענאַרטיג. האָלצענע שראַנקען האָבן זיך געפונען אין שטוב מיט געשניצטע טירן, אין עס-צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש און אַרום אים בענקלעך אין אַן אייגענאַרטיג קאָליר, די שטוב-געפעס זענען געווען פון בלויע קאַרסינאַ אָדער פון געשליפן אייזן. די קליידער פון די בני בית זענען טאַקע באַשיידן געווען אָבער שיין זענען זיי געווען און ווער רעדט פון אַ לאַטע אַז עס זאָל זיך אין זיי געפינען, פון פאַרלאַטעטע שיך האָבן זיי איבערהויפּט נישט געוואוסט, אויך דאָס עסן איז געווען אין אַ פולע מאָס צו דער זאַט. און דאָך איז ר׳ הירש לייב קיינמאָל נישט פאַרעכנט געווען צווישן די נגידים אין לאָמזשע, אין קעגנטייל ווען נישט זיין קהל׳ישער אַמט וואָלט ער גאָר פאַרעכנט געווען צווישן די אָרעמע בעלי בתים, נאָר אַזוי האָט עס אויסגעזען דער צושטאַנד פון די מיטל קלאַסיגע אידן אין לאָמזשע וועלכע זענען אָנגעגאַנגען מיט זייער לעבן נאָר אויף דאָס "נויטי׳גסטן באַדאַרף".

**דאַגעגן** ר׳ יעקב קאָפּל׳ס וואוינונג אין ירושלים איז באַשטאַנען פון בלויז אַנדער-האַלבן צימערן, די ראַנדן פון די שטוב-פענסטער אינדרויסן זענען נישט העכער געווען ווי דער באָדן פון גאַס, די ווענט פון אינעווייניג זענען געשיילט געווען פון דעם קאַלך וואָס

האָט זיי באַדעקט אין אָנפאַנג פון זייער בוי. אויך די שטוב-מעבל האָבן אַ גאַנץ אַנדער׳ן פאָרעם געהאַט, דער איינציגער לאַנגער טיש אין שטוב איז געמאַכט געווען פון באַלקנס און ברעטער פון אייגענע ראָדוקציע, או אַרום אים זענען געשטאַנען רעשטלעך בענקלעך וואָס זענען געגעבן געוואָרן אין געשאַנק צו דער חתונה פאַר דרייסיג יאָר צוריק. די קליידער פון די בני בית האָבן נישט געהאַט קיין מכובד׳יגן אָרט אין ספעציעלן קליידער-שראַנק, נאָר זענען געהאָנגען אויף נאָגלען וועלכע זענען געווען אַריינגעשטעקט אין צפון-וואַנט, און איבער זיי איז געווען אַ שווערע אָליציע אויף וועלכע עס איז יעדן אָוונט אנגעצונדן געוואָרן אַ נאַפט-לאָמפּ וואָס האָט אין צימער פאַרשפּרייט אַ בלאַס ליכט, אָבער געריצט האָט אָט דער באַשיידן שיין צו התמדה אין תורה...

**ווען אַ** נייעם מלבוש פאַר איינעם פון די בני בית זענען כמעט קיינמאָל קיין רייד נישט געווען, ווען אַ קינד האָט געדאַרפט ווערן בר-מצוה האָט חדשים לאַנג גענומען די הכנות און באַשרענקונגען אין די געגנוג באַשרענקטע שטוב-אויסגאַבן אַז מען זאָל קענען קויפן פאַר׳ן חתן הבר מצוה אַ נייע פאָר שיך לפחות צו זיין יום טוב, ווייל געווענליך זענען די קליידער און שיך פון די בני בית, פון גרויס ביז קליין, געווען לאַטעס אויף לאַטעס און פון אַלטע איבערגעמאַכט.

**אויך דאָס** עסן-פאַנאַנדערטייל צווישן די בני בית איז אָנגעגאַנגען צווישן די בני בית איז אָנגעגאַנגען אין אַ גאָר אומגעהויערן און אומבאַשרייבליכן אָרעמען שטייגער. אָט הערט צ. ב. אונזער משה נח ווי די עקרת הבית רופט אויס זונטאָג: "טייערע קינדערלעך, היינטיגע וואָך וועלן מיר נישט קענען קויפן קיין מילעך פאַר אייך, באַגנוגענט זיך אַלזאָ מיט וואַסער און אַביסל וויין וואָס דער טאַטע זאָל געזונט זיין מאַכט מיט זיינע אייגענע הענט, און השם יתברך זאָל שטאַרקן אייערע קער ער צום לערנען תורה". דינסטאָג

הערט ער ווידער ווי די מוטער בעט אין אַ ווייך לשון איינעם פון די קינדער: "טייערער מיינס, נעכטן האָסטו געגעסן אַ האַלבע איי, היינט וועסטו דערויף פאַרציכטן פאַר דיין ברודער'קען"... ר' יעקב קאָפּל זעלבסט ווידער וועגט זיך יעדן טאָג אָפּ אַ פּאָרציע ברויט פון א "כזית" פונקטליך, אַז ער זאָל קענען בענטשן ברכת המזון נאָך זיין איין איינציגע טעגליכע סעודה.

**אין אָנפאַנג** איז משה נח געווען אַ דערציטערטער ביי-זייענדיג אַזאַ לעבנס שטייגער, זיין קאָפּ האָט אים געשווינדעלט בלויז צוזעענדיג עס מיט די אויגען. ער איז געווען זיכער אַז ער וועט אַזוינס נישט קענען אויסהאַלטן און ער וועט מוזן צוריקקערן צו זיין עלטערן-היים. אָבער גאַנץ שנעל האָט ער זיך איבערצייגט אַז די קינדער דאָ אין שטוב זענען געזונט און פולקאָם קערפּערליך. מער נאָך פון אים און זיינע ברידער אויך וועלכע עס איז נישט אַריבער אַ טאָג אָן א פּאָרציע פלייש און אַ געקעכטס. דער אינגל האָט גיך גענומען פאַרשטיין אַז אויך גייסטיג לעבן, מנוחת הנפש, באַגנוגענונג און אייגן ווילן זענען פעסטשטעלנד פאַר'ן קערפּערליכן געזונט.

**"די פּנים'ער** פון די דאָזיגע שטוב-קינדער שיינען דאָך פיל פּאַכיג מער ווי די פון די זאַטע לאָמזשער קינדער" - פלעגט משה נח צו זיך אַליין זאָגען. "פאַרוואָס לייכטן עס אַזוי די אויגען פון די ירושלים'ער קינדער? - האָט ער זיך אַליין געפרעגט - פון וואַנען נעמען עס אָט די קינדער די כחות צו פלייסן אין תורה אַ גאַנצען טאָג און אַ טייל נאַכט? צי פון די אייגענאַרטיגע סעודות פון שטיקלעך שוואַרץ ברויט איינגעטונקט אין שמן און באַשמירט מיט זאַפט פון קנאָבל אָדער אַנדערע גרינוואַרג? פון וואַנען שיינען עס זייערע פּנים'ער אַרויס אַזוי רוהיג און אַדעליג אין שבת און יום טוב? צי פון זייערע פאַרלאַטעטע קליידער? און פון וואַנען שטאַמט עס אָט דער גליקליכער שמייכעל פון די דאָזיגע ירושלים'ער קינדער בעת זיי חזר'ן איבער פאַר זייערע פאָטערס מיט'ן חדר-ניגון די קשיות פון "מהרש"א"

אָדער די תירוצים פון "פני יהושע" וואָס זיי האָבן געהערט פון זייערע רבי'ס?"

**ביסלעך ביסלעך** איז משה נח'ס נשמה אָנגעצונדן געוואָרן אין דעם הייליגען ירושלים-פייער, און אַלע זיינע שטוינונגען און וואונדערונגען זענען פון זיך אַליין פאַרהוילן געוואָרן.

**ירושלים** די שטאָט פון נביאים, די רעזידענץ פון מלכים, דער וואוין אָרט פון תנאים וואָס ער האָט געקענט פון תנ"ך און גמרא, די שטאָט וואָס איר אַטמאָספער איז נשמה, און איר ווענט - קדושה, האָט זיין האַרץ שטורמיש דערוואָרבן.

**אין** ר' יעקב קאָפּל'ען, וועמען זיין פאָטער האָט באַשטימט אַלטס זיין רבי און מחנך, האָט ער געזען זיין לעבנס רעטער. פּופצען שעה אין מעת לעת זיצט ער און פלייסט אויף תורה-לערנען, און ער פּילט שוין אַז אויך אים דערברענגען די דאָזיגע שטיקלעך איינגעטונקטע ברויט אין שמן קראַפט און מאַכט. ער איז פולקאָם געזונט קערפּערליך און גייסטליך און ער איז פולשטענדיג גליקלעך. ער שטייגט אויפ'ן תורה-באַרג, ער באַנעמט און פאַרשטייט יעדער חידוש אין תורה, זיין זכרון דינט און דערהאַלט אין אים אַלעס וואָס ער לערנט, זיין תפיסה איז שאַרפזיניג און ער שטייגט איבער אַלע פון זיין עלטער.

**שוין דריי** יאָר צייט וואָס ער זיצט און לערנט טאָג טאָג אַ טיעפזיניגן שיעור מיט זיין רבי'ן און גייסטיגען אפּוטרופּוס ר' יעקב קאָפּל. דריי מיט אַ האַלבן שעה יעדן טאָג זיצט משה נח צוזאַמען מיט ר' יעקב קאָפּל'ען אין זייער תורה-שיעור, און דער עלטער-אונטערשייד וואָס צווישן זיי ווערט זיך כמעט אויס אין דעם דאַמף פון קעגנזייטיגע פּלפּולין, סברות און חדושים. משה נח איז ווי פון דאָס ניי געבוירן געוואָרן. זיין גאַנצער שטרעבונג איז ווייטער אָנצוגיין מיט'ן דאָזיגען דרך, אָבער אין אַ טאָג איז ר' יעקב קאָפּל אים מרמז אַז עס איז שוין געקומען זיין צייט אויפצושטעלן אַ שטוב. "בן

שמונה עשרה לחופה" - האָבן חז"ל באַשטימט, און אין די דעמאָלטס'דיגע ירושלים האָט מען זיך אין דער דאָזיגער באַשטימונג נישט מפלפל געווען.

## אַן איידלשטיין אין עיר הקודש

**משה נח** פאַרשטייט דעם רמז, אָבער צו דען ליגט עס אויף אים אָדער עס איז אין זיין האַנט אַליין דאָס צו פאַרווירקליכן? ר' יעקב קאָפּל לייענט די מחשבות פון דעם בחור, און ער ראָט אים צו גיין זיך פאַרהערן ביים שטאָט-רב דער גאון ר' שמואל סאַלאַנט.

**אַ וואָך** נאָך זיין פאַרהער ביי ר' שמואל'ן איז אַוועקגענומען געוואָרן דער זאָרג פון געפינען אַ פּאַסיגען שידוך. דער ירושלים'ער רב וועלכער האָט געשטוינט פון דער בקיאות און חריפות פון דעם לאָמזשער בחור, איז אַליין געוואָרן זיין שדכן, און בלויז איינינע טעג נאָך זיין בחינה איז משה נח אין אַ גוטע שעה אַ חתן געוואָרן מיט די טאָכטער פון דעם צדיק פון די נקיי הדעת אין ירושלים ר' יוסף קלעוונער.

**אין דעם** בריוו פון דעם מזל טוב אָנזאָג וואָס דער חתן האָט געשריבן צו זיינע עלטערן אין לאָמזשע איז געשריבן ווי פאָלגענד:

**צו מיינע** טייערע פאָטער און מוטער זאָלן לעבן פיל פרידן צו אייך.

**ערשט איצט** באַגרייף איך וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן דעמאָלטס ווען איר האָט אויף מיר גוזר געווען צו שיידן זיך פון אייך און פון מיינע ברידער און שוועסטער. די תורה וואָס איך האָב געלערנט אין דחקות, בלויז זי איז מיר בייגעשטאַנען, און זי וועט מיר ביישטיין מיינע אַלע לעבנס טעג אין ירושלים וועלכע איך האָב אויסגעגאַרט פאַר אַ וואוין אָרט פאַר מיר און מיין פרוי זאָל לעבן. זייט געזונט און פריש אַלע אייערע טעג און שע פּט פולע הויפנס

נחת פון מיר און פון אַלע אייערע קינדער אַלע צייטן. ווען עס איז אין יענעם יאָר אַרויסגעפאָרן ר׳ שמואל סאַלאַנט אין חוץ לארץ פאַר׳ן וואוילזיין פון די תורה אַנשטאַלטן אין ירושלים און ער האָט אויך באַזוכט לאָמזשע, איז ער ספּעציעל געקומען אויף אַ וויזיט אין די שטוב פון משה נח׳ס עלטערן, ר׳ הירש לייב און זיין פרוי עטל, און ער האָט זיי געזאָגט:

**״אַן איידלשטיין, אַן אומגעהויער פאַרמעגן האָט איר אין עיר הקודש!״**

❖ ❖ ❖